STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05293

DIMOT =

Meir Greenberg

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר גרינברג

MEIR GREENBERG

TEARS

דמעות

תורגם ועובד ע"י: **צביאלי צבי**
רוטפרב אברשה

הדפסה: **"דפוס השרון"**

עיצוב גראפי: **בן־דקון רחל**

פברואר - 1994

מאיר גרינברג — 1915-1982

ברכה

לואלרי החמודה בהוקרה!

במה אברכך ביום הולדתך?
לו ניתנה הברירה בידי
בגן קסום להסתובב לבדי
הייתי בוחר בואלרי שלי,
הנני תפילה לאל הכל־יכול
שיאיר דרכך ותצלח בכל
כה לחי חביבתי ואלרי שלי,
עד 120 מדודך מאיר.

אינהאלט

ברכות 5

פון דעם איבערזעצער 12

איינִיגע כאראקטער שטריכן פון דעם מחבר מאיר גרינברג .... 16 - 19

טישיוויץ מיין שטעטאלע פין די זכרונות .... 23 - 27

זכרונות (בילדער פון דע אלטער היים) 28

דער טרויריקער סוף פון דעם "בעל עגלה" וואלף קליינער פון טישיוויץ 30

טרערן 32

מיין טאטנ'ס ברכות 34

זייער לעצטער געבעט... 36

איך געזעגן זיך 38

קוק פון הימל און זע 40

מיין טאטנס צוואה 42

הימל און ערד 44

אין אווינטער נאכט 46

בילדער פונם שלאכט פעלד 48

די ליידיקע אין פארלאזטע צימערן 50

געדאנקען אין אפינסטערע נאכט... 52

מיין קינדער וויג 54

די מאמעס קישאלע 56

דער שיכור 58

תוכן העניינים

ברכה 5
מאת המתרגם 12
קווים לדמותו של מאיר גרינברג 15-13
טישיוויץ - עיירתי שבזכרונות 22-20
זכרונות מבית אבא (תמונות מהעולם הישן) 29
סופו המר של וולף קליינר, ״הבעל עגלה מטישיוויץ 31
דמעות 33
ברכת אבי 35
זעקי, חרפת רעב! 37
הפרידה מאמי 39
הבט משמים וראה 41
צוואת אבי 43
שמים וארץ 45
היהודי הנודד 47
תמונות מגיא ההריגה 49
החדרים הריקים והעזובים 51
הירהורים באפלולית הליל 53
עריסת ילדות 55
הכרית של אמא 57
השיכור 59

אגאסטע אויף שבת 60

איין נאך - יום=כיפור - געבעט 62

שווערע וואלקינס 64

ווי נעמט מען דעם כח? 66

דאס איז מיין בילד 68

אפאלשע גליק 70

קאלירן + דער אפענער קראן 72

צו מיין חבר 74

וואס די צייט מאכט פינם מענש 76

פרייטיג צו נאכט (זכרונות) 78

אבריוו צו מיין חבר 80

טיפע גריבער רויטע ליים 82

כבין אים זייער מקנא 84

אבאזוך אויפן בית הקברות 86

אדראנג ביז וואנען? 88

די מילא גאס אין ווארשע 90

זכרונות 92

ארעטעניש 94

ישראל איז מיין ווינדערלאנד 96

די זון זינקט 98

אורח לשבת	61
משאלות למוצאי יום כיפור	63
עננים כבדים	65
אין לי עוד כח	67
והרי דיוקני	69
אושר מדומה	71
הברז המטפטף + שלל צבעים	73
אל ידידי	75
מה שעושה הזמן - לא יעשה השכל	77
ליל שבת (זכרונות)	79
מכתב לחברי	81
בורות עמוקים - חימר אדום	83
הנני מקנא בו מאוד	85
ביקור בבית העלמין	87
חתירה לאן?	89
רחוב מילא	91
זכרונות	93
חידה	95
ישראל היא ארצי הנפלאה	97
השמש שוקעת	99

די גאנצע וועלט איז אפן פאר מיר 100
אווינטער נאכט אין טישיוויץ 102
מיין מאמעס לייכטער 104
די מצבה פון מיין שוויגער 106
שבועות 108
מיין טאטנס באגער 110
די עלטער רוקט זיך צו 112
דער פארשאלטענער דור 114
וואס סמאכט די צייט - מאכט ניט דער שכל + יזכור 116
די עלטער 118
מיין מזרח 120
דער רעגן + געלע בלעטער 122
נעבן קלויסטער 124
אנאכט אין סוכה (זכרונות פון טישיוויץ) 126
אבייזער חלום 128
אומזיסטיגע קרבנות 130
איוגענד ליד 132

כל העולם פתוח לפני ... 101
ליל חורף בטישיוויץ ... 103
זוג הפמוטים של אמי ... 105
המצבה של חמתי ... 107
שבועות ... 109
אבי ניסה... ... 111
מסימני הזקנה ... 113
הדור המקולל ... 115
מה שהזמן עושה לבן אדם + יזכור ... 117
על הזקנה ... 119
המזרח שלי ... 121
הגשם + גליונות צהובים ... 123
ליד הכנסיה ... 125
לילה בסוכה (זכרונות מטישיוויץ) ... 127
חלום בלהות ... 129
קרבנות חינם ... 131
שיר ילדות ... 133

מאת המתרגם

נתבקשתי ע"י נפתלי ומשה גרינברג, בני המחבר המנוח, מאיר גרינברג ז"ל (שגרים בארה"ב) לעזור להם - בעיבוד ובתרגום אוסף השירים והרשימות, שכתב אביהם ז"ל, מיידיש לעברית, ולהדפיסם בספר.

הספר יהא מוקדש לזכר כל בני המשפחה שנספתה בשואה.

אני, כידידו וחברו של אביהם המנוח (עוד משנות הילדות בעיירה) נעניתי ברצון. ניסיתי לבוא בדברים עם מתרגמים מקצועיים ועם מספר הוצאות ספרים כמבוקש, אבל, היות שמדובר על מספר עותקים מצומצם, רק להפצה בין קרובי וידידי המשפחה (ולא למכירה), לא הסתדר לי להיעזר בשירותם.

בכדי לעזור לבנים בכל זאת לממש את צוואת אביהם, תרגמתי ועיבדתי (בסיועם של כמה מחברי, מורים בגימלאות) את שיריו ורשימותיו, כפי שמובאים בספר זה. עשיתי ככל שיכולתי לשמור על התוכן.

יתכנו אי אלה שגיאות דפוס, או אחרות, שהנני מתנצל עליהם מראש.

צבי צביאלי

קוים לדמותו של מאיר גרינברג

מאיר גרינברג נולד בשנת 1915 בעיירה קטנה בפולין טישיוויץ, מחוז טומשוב, פלך לובלין, להורים שעסקו במסחר זעיר, כפי שעסקו אז רוב יהודי העיירות בפולין, בין שתי המלחמות. ביתם הקטן היה קרוב מאד לנחל ההוציבה, שזרם לאיטו לאורך כל עונות השנה לעבר נהר הבוג (אחד מגדולי נהרות פולין) בחבל המזרחי.

אביו ר׳ נפתלי היה מחסידי טריסק, יהודי עבדקן, שומר מצוות כקלה כחמורה, (הכל כמצוות הרבי) היה במציאות של יום, כמעט מנותק מכל העולם הסובב אותו, אבל בביתו הוא, היה שליט יחיד, שרק לפיו יישק דבר, ייחד לבנו בכורו מאיר, את כל המחשבות והתקוות, שבבוא יומו, ימשיך הבן לטפל בעסקו הקטן שהקים בעיירה, ויפרנס את המשפחה. מאיר, הגדול משתי אחיותיו, היה נער בהיר פנים, צנום ומופנם, למד ב״חדר המתקדם״ לימוד פורמלי (גם קרוא וכתוב, יידיש וחשבון) לא התלהב כל כך מכוונות אביו הקפדן לגבי עתידו הוא, בעיירה נידחת זו, ומאמונותו העיוורת, רק בחיי עולם... ולא פעם מצאו את מאיר מתבודד, וצופה לעבר המרחבים הירוקים מעבר לנחל, הרחק אי שם באופק המסתורי...

בגיל 14 הצטרף מאיר, למורת אביו, לתנועת הנוער ״פרייהייט״ (דרור), שפעלה אז בעיירה, שהחלה להרחיב את פעולותיה בקרב הנוער המתבגר חפש דרך וזהות. כאן מצא מאיר אווירה חמה וסביבה אוהדת, של רוב בני הנוער מסוגו, וכר פעולה נרחב מאד, ששבה את כל כולו, לפעילות תנועתית וחברתית. לימים, אף חלם לצאת להכשרה, שבבוא יום, אף יוכל לעלות ארצה, כרבים מחבריו בעיירה, שקדמו לו.

כאן, כידוע, היתה הדרך כמעט חסומה ע״י החמרת חוקי ממשלת המנדט הבריטי לגבי עליית יהודים לארץ ישראל. והדרך האחרת - שהיתה בהישג יד מוגבלת למדי, לצאת לעיר הגדולה, ולנסות שם את כוחו ויכולתו, לחיות חיים עצמאיים, הרחק מעינו הפקוחה של אביו, ומיגיעת כפיו שלו הוא. ביום בהיר אחד, מצא את עצמו מאיר בורשה הבירה, אוחז מברשת צבעים, ולומד את מקצוע הצבעות, כאן נוכח עין בעין שקשיי הקיום של נער יהודי, אינו שונה בורשה הבירה - מאשר בעיירה שלו, אבל היה שלם עם הצעד שעשה, לגבי גורלו בעתיד. עם פרוץ המלחמה, בספטמבר 39, חזר מאיר הביתה לרגעים הקשים בחייו. לראות את אמו האהובה ברגעי חייה האחרונים, לראות את ביתם הקטן ההרוס על יד הנחל (שמימיו המשיכו לזרום באפיקו הקבוע, כאילו לא קרה דבר) ולפרידה מהאבא והאחיות המסכנות, שנשארו אי שם בין החורבות. (חוויות קשות אלה מצאו ביטוי בשיריו, שכתב מפעם לפעם, אותם ״חצב״ מעומק לבו, בשפה היחידה שידע ביידיש), חלקם על העיירה שאהב, שהוחרבה, חלקם על המשפחה שחי בתוכה בבדידות מזהירה, וחלקם על רגישותו לסבל הזולת, ומעל הכל הגעגועים לארץ שאהב, שחלם עליה עוד מימי ילדותו בעיירה.

מאיר גרינברג המופנם, ששרד יחידי מכל משפחתו, שנספתה בשואה, עשה דרך ארוכה ורחבת נפתולים בה סבל לא מעט פיזית ונפשית (באין לו גם עם מי להתחלק עם חוויותיו ורגשותיו) הגיע עם קום המדינה ארצה - לרעננה. כאן הקים משפחה עם צביה (פליטת שואה אחרת) ושניהם ניסו לשקם את עצמם, ולהתחיל הכל מחדש. הם בנו ביתם ברעננה, בסביבה הקרובה ללבם, בשכונת פועלים מעורבת, של הרבה מחבריהם ניצולי השואה - ובני הארץ. כולם עזרו לכולם, לשתול עצים, ולעבד גינות נוי, כדי להנעים להם את חייהם כאן, כפיצוי מה אחרי כל שנות הסבל הנוראי שם. מאיר עבד בצבעות ברעננה המושבה, שהתחילה לגדול ולהתפתח. בניהם נפתלי ומשה שלמדו בבית הספר היסודי נקלטו יפה ברעננה כ"צברים" לכל דבר. דלת ביתם היתה תמיד פתוחה לכל עובר אורח, ומר נפש מזדמן, ובעיקר בשבתות להרמת כוסית, וכיבוד אחר ממטבחה של צביה אשתו, ונדמה היה כי הגיעו סוף סוף אל המנוחה והנחלה... אבל הגורל רצה אחרת. לאחר זמן לא רב, חלתה צביה אשתו במחלה קשה, והחלו הבדיקות והחיפושים אחרי מומחים שונים, שעלו בממון רב. גם שוק העבודה בענף הבניין היה אז בשפל מתמשך, והפרנסה הצטמצמה. כל אלה העיקו מאוד על מצב רוחו של מאיר בעת שהחליט (למורת רוחו) להגר לארצות־הברית, ולהיות בקרבת משפחת אשתו צביה (שנטלו על עצמם לטפל במחלתה הממארת) ושם - היה עליו להתחיל הכל מחדש. צעדו זה, היה כבר למעלה מכוחותיו הנפשיים והפיזיים, לשאת בשוויון נפש. אף כי שמבחינה כלכלית, נקלט שם טוב למדי, ועל אף כל זאת, הרגיש שם זר ובודד. תלוש מהסביבה היהודית האמריקאית, שכל מעיינם היה, כדבריו, הרדיפה המתמדת אחרי הדולר (כל זאת הביע במכתביו הרבים שכתב לחבריו ברעננה, ובמחברות השירים שכתב על התרשמויותיו מהאירועים שריגשו אותו בימים ההם, והחשוב מכל על געגועיו לארץ היחידה שאהב - ארץ ישראל). ואם לא היה די בכך - אירעה למאיר תאונת דרכים קשה, שריתקה אותו זמן ממושך למיטתו, ללא יכולת להתנועע, העכירה מאוד את מצב רוחו, אבל היה לו הרבה זמן לחשוב שוב על כל מה שעבר עליו בדרכו הארוכה, מאז שעשה את צעדיו הראשונים בעיירתו טישיוויץ, דרך המלחמה האיומה, רבת הסבל הפיזי והנפשי, דרך "כמעט שיקום" חייו בארץ ישראל, ועד להגירתו לארץ האפשרויות הבלתי מוגבלות, שלא נקלט בה, ולא רצה להיקלט בחברתה, עד יומו האחרון. מאיר גרינברג נפטר בשנת 4.2.82 בפילדלפיה. השאיר אחריו את אשתו צביה - חולה, מתה 3 שנים אחיו ב-1985, ואת 2 בניו נפתלי ומשה נשואים ו-5 נכדים.

כן השאיר 2 מחברות שירים ביידיש ומכתב בקשה (כגון צוואה) לבניו (ולחתום מטה חברו מהעיירה) לתרגם את שיריו מיידיש לעברית שהבנים והנכדים (שלומדים עברית) יוכלו לקרוא, ולהתרשם מחוויותיו של סבם, שעבר את מוראותיה של השואה, ועליהם להכיר לפחות את כור מחצבתם, בעיירה נידחת אי שם בפולין הרחוקה, שלא נשאר ממנה דבר, מלבד השם טישיוויץ שבזכרונות.

בזה נסתם הגולל על חלומו הגדול שחלם, לחזור אי פעם ארצה, לחבריו הרבים, ולרעננה שאהב יותר מכל מקום אחר שבעולם. אבל, חלומו השני לתרגום

רשימותיו ושיריו (שכתב לאורך זמן) מיידיש לעברית מתגשם עכשיו, לאחר מותו, ע"י בניו נפתלי ומשה, כעין צוואת קודש שהתאחרה מעט.

מתוך קריאת קובץ רשימותיו ושיריו מצטיירת תמונתו של המחבר מאיר גרינברג כיהודי חם, עדין נפש, ורגיש מאד לסבל הזולת, ומעל לכל בודד, אפילו בתוך משפחתו הוא. כאילו נשא איתו איזה סוד כמוס אלי קבר בניכר.

חבל מאד, שלא זכה בחייו, לקרוא את רשימותיו המתורגמות לעברית.

המתרגם והמעבד: **צבי צביאלי**

אייניגע כאראקטער שטריכן פון דעם מחבר מאיר גרינבערג

מאיר גרינבערג איז געבוירן אין 1915 אין טישיוויץ, דאס איז אקליין שטעטל אין פוילן, טאמאשאווער פאוויאט, לובלינער גובערניע.

די עלטערן זיינע זענן געווען קליין הענדלער, ווי אסך אנדערע יידישע משפחות אין פוילן, אין יענע יארן צווישן דיביידע וועלט מלחמות.

די קליינע שטיב זייערע, איז געווען נאוענט צום הוציבה טייך, וואס האט לאנגזאם געפלאסן ארים אין ארים דעם שטעטל, אויפן וועג צום גרויסן בוג טייך, אין מזרח פון אים.

דער פאטער זיינער ר׳ נפתלי גרינבערג, אטריסקער חסיד, אין שטרענג פרימער ייד, האט מקיים געווען אלע מצוות לויטן רבינס געבאט, אבער אין טאג טעגליכן לעבן, איז ער געווען כמעט אפגעריסן, פון דער אויסערליכער וועלט. ביי זיך אין שטיב, איז ער געווען דער איינציגער ״טאן-געבער״, אלע האבן געמוזט טוען לויט זיין געבאט. אבער פארן זיהן מאיר דער בכור האט ער. אפגעגעבן אבאזיינדערע אויפמערזאמקייט, אין האפנונג, אז סוועט קימן דער טאג וועץ ער אליין וועט גיין פון דער וועלט, וועט מאיר קענן פארטזעצן פירן זיין קליין מסחר געשעפטל, אין מפרנס זיין די משפחה. מאיר דער בכור, פאר זיינע 2 שוועסטער, איז געווען אשטיל שוויגענדיגער יינגל, מיט אצערטן דארן פנים, האט געלערנט אין טייערסטן חדר פון שטעטל (אויסער די פארמעלע לימודי קודש, אויך לייענן אין שרייבן, יידיש אין חשבון) איז ניט געווען זייער בעגייסטערט פון זיין פאטערס געדאנקן וועגן זיין צוקונפט אין דעם קליינעם פאריקטן שטעטל, אין נאך מער, פון זיין פאטערס בלינדן גלויבן ״אין יענער וועלט״, אין ניט איינמאל האט מען געטראפן מאירן זיצן אליין פערטראכט, אין קוקן אין די ווייטע האריזאנטן, העט ווייט איבערן טייך.

ווען מאיר איז אלט געווארן 14 יאר האט ער זיך איינגעשלאסן (קעגן זיין פאטערס פערלאנג) אין דער ציוניסטישער יוגנט ארגאניזאציע ״פרייהייט״ וואס זי איז געווען דאן זייער טעטיק, אין שטעטל, די עיקר טעטיקייט אירע, ביי די ניי אויפגעוואקסענע יוגנט וואס האבן ניט געהאט קיין שום באשעפטיגונג דא, אין האבן אנגעפאנגן זיכן אוועג פאר זייער צוקונפט, דא, צווישן אסך יוגנט ווי ער אליין האט מאיר געפינן אגיטע ווארימע אטמאספערע צו זיין אקטיוו אויפן קולטורעלן אין געזעלשאפטליכן געביט. אין אצייט ארים, האט מאיר שוין געחולומט אפילו צו מאכן דעם צווייטן טריט זיינעם, ארויס פארן אין אקיבוץ הכשרה, צו פארגרייטן זיך עולה זיין אין ארץ ישראל, (ווי אסך חברים זיינע האבן געטוען פאר אים) דא ווי באוויסט, איז דער וועג געווען כמעט פערמאכט, צוליעב די שווערע עליה גזירות, פון בריטישן

מאנדאט איבער ארץ ישראל. אי די אנדערע מעגליכקייט (וואס זי איז דאן אויך גווען זייער שווער (ארויספאָרן אין דער גרויסער שטאט, אין פרובירן דארט (זייענציג ווייט פון פאטערס אויגן) צו פארמעסטן זיך, מיט די שוועריקייטן פאר זיין עקזיסטענץ. אין אקורצע צייט ארים האט מען געקענט טרעפן מאירן אין ווארשע, האלטן אמאלער בערשטיל, אין לערנן דאס מאלעריי פאך. דא האט מאיר זיך געקענט איבערצייגן אז די מאטעריעלע שוועריקייטן פאר איידישן בחור, אין דער גרויסער שטאט, זענען ניט קלענער ווי אין קליינעם שטעטל טישיוויץ. נאר ער איז גווען צופרידן פון זיין טאט וואס האט געטוען, דער טאט וואס האט אפשר באשטימט זיין אייגענעם גורל אויף דער צוקונפט.

אין סעפטעמבר 1939 ווען די מלחמה האט אויסגעבראכן, איז מאיר צוריק געקומען אהיים אין שטעטל, אפשר צו די שווערסטע מאמענטן אין זיין לעבן. ער האט גזען זיין ליבע מוטער ביי אירע לעצטע מינוטן. ער האט נאך באוויזן זיך געזעגענען מיטן פאטער, אין מיט זיינע 2 אומגליקליכע שוועסטער (וואס זענען שפעטער אומגעקומען ערגיץ ווי צווישן די חורבות פון שטעטל) מאיר האט נאך אפילו געזען אז פון דעם ארט, וואס סאיז אמאל גווען זיין היים, איז געבליבן ניט מער ווי אבערגל ערד, אין אביסל צובראכענע ברעטלאך אין שמאטעס, נאר פאר אסימן, אז דא איז אמאל גווען אשטיב, אהיים-זיינס אין סאיז אים זייער טרויריק גווען צו דען אז פינם גאנצן שטעטל איז געבליבן ניט מער, נאר דער נאמן אליין, אין זכרונות. עער האט אויך גזען ווי איראניש איז אז די וואסער פון טייך, האט ניט אויפגעהערט צו פליסן, אויף קיין איין מינוט, ווי סוואלט קיין זאך ניט פאסירט.

מאיר גרינבערג דער שטילער, עטוואס שעמעדיקער בחור, וואס איז געבליבן דער איין איינציגער פון זיין משפחה (נאך דער שואה) האט געמאכט אלאנגן שווערן וועג, ליידענדיג ניט איינמאל, פיזיש אין מאראליש, **אויך פון זיין בלייבן איינער אליין פון זיין משפחה**. איז עולה גווען אין ישראל באלט נאך דער מלחמת העצמאות, גלייך אין רעננה. דא האט מאיר נאך אגאנץ קורצע צייט אויפגעשטעלט אמשפחה מיט אויך אפגעראטעוועטע פליטה פון דער שואה - צביה, איןביידע האבן פרובירט זיך אויפבויען פינדאסניי. זיי זענען אריין אין אנייע שכונה פון עולים, וואס אסך פון זייערע חברים (אויך פליטי שואה) זענען גווען דארט, יעדער איינער האט געהאלפן דעם צווייטן, צו פלאנצן ביימער, בלומען, אין בעארבטן קליינע גערטנער ביי זייערע נייע הייזלעך, אויך צו מאכן זייערלעבן דא, מער איינגענעמער אין ליבער, סזאל זיין עטוואס אענטשעדיגונג פאר די שווערע יארן, וואס זיי האבן דורכגעמאכט אין זייער נאונטער פערגאנגענהייט.

מאיר האט געארבעט אין רעננה, ביי זיין פאך מאלעריי, אין אקבוצה מיט נאך 2 שותפים. זיינע 2 זיהן, נפתלי אין משה, וואס האבן זיך גיט אקלימאטיזירט אין מושבה רעננה, האבן געלערנט אין בית הספר, ווי אנדערע "סאברעס" דא. צביה האט געפירט די שטיב "פאר גאט אין פאר לייט", זייער טיר איז שטענדיג גווען אפן פאר יעדן צופעליגן פערבייגייער אין גאסט, וואס האט געוואלט אביסל אפרוען, דערקוויקן זיך דאס הארץ, אין סתם חאפן אפריינדליכן שמועס. אין די שבתים איז

זייער שטיב תמיד גווען איבערגעפילט מיט מענשן, אויך צי נעמן אגלעזאלע משקה, מיט אביסל צובייסן פון צביה׳ס מאכלים אין מהאט טאקע געקענט קלערן, אז סוף סוף האט מאיר געשלאגן טיפע ווארצלען דא אויף אייביק. אבער דער גורל זיינער האט ווייזט אויס געוואלט אנדערש. נאך אגאנץ קורצע צייט, איז צביה קראנק געווארן (גאנץ ערנסט) אין מאיר איז גווען פיל צייט פארנעמען מיט זיכן דאקטוירים, ספעציאליסטן צו איר קרענק, דאס האט אים אויך געקאסט פיל געלט, אין געזינט. די דאגות זענן גווארן יעצט, וואס טוט מען נאך פאר צביה׳ן? אויב דאס אלעס איז נאך ניט גווען געניג? האט די בוי ארבעט אין לאנד דאן דורכגעמאכט אשווערן קריזיס, אין מאיר איז געבליבן פיל טעג אהן ארבעט, אהן פרנסה, אין זייער פערזארגט. דאס אלעס האט זייער שווער געווירקט אויף מאירן (ניט נאר פיזיש, נאר אויך מאראליש) ווען זיי האבן באשלאסן צו טוען זייער גורלדיקן טריט, צו עמיגרירן אין אמעריקא, אין דארט זיין נאונט צו צביה׳ס שוועסטערס פאמיליע, דיע, וואס האבן געוואלט טוען אלעס צו ארויס העלפן צביהן ביי איר שווערע נויט.

אין 1966, זייענדיג כמעט 20 יאר אין ישראל, האט מאיר מיט זיין פאמיליע פארלאזט ישראל, אין ארויס געפארן אין אמעריקא. דארט האט מאיר געמוזט פארשטענדליך אנפאנגען ווידער אלעס פון דאסניי. דאס איז שוין גווען איבער זיינע פיזישע אין מאראלישע כוחות. אבער ניט אמענש ווי מאיר גיט זיך לייכט אינטער, ריכטיג, נאך אגאנץ קורצע צייט האט זיך מאיר גאנץ גיט מאטעריעליש אוועק געשטעלט אויף די פיס. אבער אין אנדערע היניזיכטן, האט ער זיך געפילט אויך דא, גאנץ פרעמד אין איינזאם. די יידישע אמעריקאנער געזעלשאפט וואס דער עיקר ביי זיי (לויט מאירס אויסדריק) איז דאס לויפן נאכן דאלאר, האט אים זייער ווייניג אינטערעסירט.

מאיר האט ניט אויפגעהערט צו בענקען צוריק אין ישראל, צו זיינע חברים, צו זיינע שכנים אין רעננה. זיין חלום איז נאך גווען צו קומען צוריך אהער אין ישראל, דא, ווי ער האט געפילט, אלס זיין ריכטיגע היים. צום גרויסן באדויערן, האט דער שווערער גורל זיינער, אים ניט אפגעלאזט אויך דארט... אין אגעווייסן טאג, האט מאירן געטראפן אאויטא עקסידענט, וואס האט אים געצווינגען בלייבן וואכן לאנג אין שפיטאל. דאס האט אים זייער צורואנירט, ניט נאר פיזיש, נאר אויך מאראליש. די שווערע ליידן זיינע אין דער פרעמדער סביבה איז ניט צום באשרייבן. אין פערלויף פון פיל לאנגע נעכט פון ניט שלאפן, האט ער געמאכט נאך אמאל דעם סך־הכל פון זיין שווערן לעבן. אנהייבענדיג פון זיינע ערשטע טריט אין שטעטל, דורך דער שוידערליכער מלחמה, וואס האט אים איבערגעלאזט "אקיילערדיקער יתום", אהן טאטע-מאמע אהן שוועסטער "אליין ווי אשטיין"... דורך דעם "כמעט" זיך אויפבויען פון דאסניי אין ארץ ישראל, ביז צו זיין עמיגרירן אין גרויסן אמעריקא, וואס האט זיך ניט אקלימאטיזירט דארט (אין האט ניט געוואלט זיך אויסמישן אין איר געזעלשאפט) אין יעצט, דער אומגליקליכער עקסידענט אלס צושפיעל.

מאיר, (חאטש די 2 זוהן נפתלי אין משה מיט זייערע פאמיליעס, האבן געטוען וואס סאיז נאר מעגליך גווען צו פערלייכטערן זיינע ליידן) איז גווען זייער צובראכן אין

פערצווייפלט פון זיין ביטערן גורל, פון צביה'ס קרענק איז אויך ניט געווען קיין גרויסע האפנונג-ביז זיין לעצטן טאג, מאיר איז נפטר געווארן אין שפיטאל 4.2.1982. ער האט איבערגעלאזט די קראנקע פרוי צביה (וואס איז געשטארבן 3 יאר נאך אים) 2 זוהן אין 5 אייניקליך.

אויסער דעם האט מאיר גרינבערג איבערגעלאזט 2 העפטן לידער, איינדריקן אין געדאנקען, וואס ער האט געשריבן אין פארלויף פון צענדליקער יארן (פאר זיך אליין אין יידיש), אטייל, איינדריקן פון אייניגע געשטאלטן פון זיין שטעטל טישיוויץ, אטייל, פון זיין טראגישע משפחה וואס האט געפילט צווישן איר פרעמד אין איינזאם, אין ביי אטייל, האט ער אויסגעדריקט מיט זער איידלען סארקאזם פאר געזעלשעפטלירע עוולות, איןליידן, פינם קליינעם מענש, (פון זיין אייגענעם נסיון.) אין איבער אלעס האט ער אויסגעדריקט זיינע בענקשאפטין צו ארץ ישראל, דאס לאנד וואס האט געחלומט פון איר, נאך פון זיינע יינגע יארן אין שטעטל, אין צו זיין (אין אינזער) גרויסן באדויערן, האט ער ניט זוכה געווען צו פארווירקליכן זיין גרויסן חלום צו קומען צוריך אין לעבן, דא אין ארץ ישראל. צווישן די 2 העפטן האט מאיר אויך איבערגעלאזט אבריוו צו מיר (זיין שטעטישער חבר פון רעננה) מיט אבעזינדערע בקשה, צו אויסבעסערן אין איבערזעצן זיינע לידער פון יידיש אין עברית, אז זיינע זיהן (אין אייניקלען וואס לערנן עברית) זאלן לייענען, אין קענן בעסער ויסן ווער זייער פאטער אין זיידע איז געווען. לייענענדיג די לידער אין אנדערע רשימות פון דעם מחבר, ווערט עטוואס קלאר דאס פילפארביקע אין קאמפליצירטע געשטאלט פון מאיר גרינבערג. ווייזט אויס אז די שוידערליכע איבערלעבונגען זיינע ביי דער שואה, אין פאקטיש, פיל טראומאטישע זכרונות זיינע, וואס ער האט געטראגן מיט זיך (פון נאך פאר דער מלחמה), האבן אים געפייניגט יארן לאנג נאך דעם, דאס, וואס ער האט אויך ניט געקענט, זיך ארויס רעדן, אין דער ראמע פון זיין משפחה, האט אים נאר פארשווערט, זיין פארמעסטן, זיך מיט עקזיסטענץ-פראבלעמן, פון טאג טאג.

אין ער איז געבליבן תמיד אליין, אין איינזאם... די אלע געפילן האט מאיר ארויפגענומן אויפן פאפיר ווי אאנפאנגער פאטאגראפיסט, וואס חאפט אראב אין גאס סעקונדע-בילדער, וואס די אויגן זעהן אלעס. מיט אטיפן בליק, אין אווארים יידיש הארץ, פאר אלע ערשיינונגען וואס ער האט זיך באגעגנט אין זיין לעבן.

זיין בקשה פאר איבערזעצן זיינע לידער פון יידיש אין עברית איז (ווי אהייליגע צוואה) פארווירקליכט געווארן דורך זיינע 2 זוהן נפתלי אין משה, 12 יאר נאך זייער פאטערס טויט, אשאד, זייער אשאד, וואס מאיר האט ניט זוכה געווען ביי זיין לעבן צו זען ווי זיין צוואה איז מקוים געווארן.

צבי צביאלי

טישיוויץ - עיירתי שבזכרונות

בדחילו ורחימו אני מתכונן לכתוב עלייך, עיירת הולדתי הקטנה טישיוויץ, עיירת הולדתי האומללה, שנמחקה כליל מעל פני האדמה (בשנות מלחמת העולם השניה 1941-43). מן הראוי היה לכתוב עלייך בדם ודמעות, ולא בדיו רגיל, ועל גוילי עור משובחים כפי שכתב בזמנו ה"סופר סתם" הזקן, כל אות וסימן היתה צריכה להיכתב בקדושה וטהרה על כל מה שהיה שם, על הנוף האנושי המגוון שחי בעיירה, וכל העושר הרוחני הרב שהצטבר שם במשך השנים, ושהוחרבה כליל ע"י הנאצים ימ"ש ועוזריהם מהסביבה. קטונתי מכל אוחז עט לכתוב את סיפור חייך המופלאים טישיוויץ עיירתי, אין אני סופר ששמו הולך לפניו, ובוודאי איני גדול בתיאור החיים והמציאות כפי שהיתה בעיירה עד החורבן. בן אדם רגיל אנוכי, שחלק גדול מהשואה הרגשתי על עורי וגבי, ועל אף דלות שפתי, הנני רואה כחובה קדושה שמוטלת עלי (כמו על רבים מבני־דורי שהיו שם) לספר לבנינו ונכדינו ולדורות הבאים, את האמת כפי שהיתה במציאות שם, בלי ליפות דבר, למען ידעו את עברם וכור מחצבתם, באותה עיירה נידחת בפולין, שהיתה כה רחוקה גיאוגרפית מאתנו, וכה קרובה ללבנו - טישיוויץ עיירתי (שהיתה) עד החורבן.

לפי מקורות היסטוריים שונים הוקמה העיירה טישיוויץ (בפולנית - טישובצה) לפני כ-500 שנה, בתוך מישור פורה רחב־ידיים במחוז טומשוב, פלך לובלין. כל הסביבה היתה מוקפת יערות עד, וכרי מרעה עצומים, בוסתנים ושטחים חקלאיים מעובדים, מקצה עד קצהו. מסביב לעיירה התפתל נחל מים זורמים ההוצ׳בה, שהשתפך במרחק כמה עשרות קילומטר מטישיוויץ לנהר הבוג הגדול במרחב המזרחי. בתי העיירה היו ברובם חד־קומתיים ובנויים מעץ, כשהיערות בסביבה סיפקו את חומרי הגלם בשפע (גם להסקה), חשמל לשימוש ביתי, וכבישים סלולים טרם היו בעיירה, ובעונת הפשרת השלגים הגיע הבוץ עד הברכיים. בתי העץ הקטנים ליד הנחל, היו משתקפים במים כקוביות "כורעים ומשתחוים" בתפילת מנחה, כעין שלוה פסטורלית נינוחה עלי אדמות.

עד השואה חיו בעיירה כ-4000 משפחות יהודיות, שניהלו בממדים של עיירה קטנה חיי קהילה יהודיים תוססים, עשירים מופלגים לא היו שם. רובם ככולם עסקו במסחר ובבתי מלאכה שונים, שעבדו למען תושבי העיירה, ולמען איכרי הסביבה הגויים שחיו בכפרים מסביב לעיירה. פעם בשבוע (ביום ד׳) התקיים שם יריד ססגוני ורעשני מאד. כל תגרני העיירה, ומהסביבה הקרובה הוציאו את מרכולתם על דוכנים ניידים ברחבת השוק למכירה. האיכרים הביאו בעגלותיהם את תוצרתם הטריה, מביצה ותרנגולת, עד עגל וחזיר, ולעת ערב חזרו לכפריהם קצת בגילופין, כשעגלותיהם מלאות סדקית ו"מציאות" אחרות, שרכשו ביום השוק (תמורת תוצרתם החקלאית). היריד בזמנו הכניס קצת רוח חיים לשגרה היום־יומית של העיירה.

בטישיוביץ היו גם מספר תגרנים "הולכי כפר" ששרכו רגליהם במשך כל ימי השבוע מבית איכר למשנהו, עם שק מרכולתם על שכמם, מן כלבו בזעיר אנפין, וביום שישי שבו לבתיהם לשבת, עם שק מלא תוצרת חקלאית, קצת תפוחי־אדמה, קטניות ומזון אחר, לשבוע נוסף. חיי התושבים היהודים לא היו קלים כלל. הם עבדו קשה מהנץ השחר עד צאת הכוכבים, ולא מעטים, היו אף מקדימים קום לעבודת הבורא, לפני צאתם לעבודת יום. הם עשו את הכל כדי לספק לכל ימות השבוע, פת לחם למשפחותיהם ברוכות הילדים, ואף פרוסת חלה לשבת, ולא תמיד האיר להם המזל פנים. מעטים מאד היתה ידם משגת לקנות זוג מכנסים לכל ילד, או להחליף זוג נעליים שהתבלו פעם בשנה. על אף כל זאת לא ויתרו על "מלמד" טוב, שבניהם ילמדו בחדר שלו קרוא וכתוב, יידיש וחשבון מגיל צעיר מאד - עד אחרי הבר־מצוה לפחות, בגיל זה כבר התחילו לדבר על תכלס. הרבה אפשרויות לא היו בעיירה לנער מתבגר, הברירות שהיו; או להכנס ולעזור לעסקי אביו, או ללמוד איזה מקצוע מאלה שהיו בעיירה, שבבוא יום יוכל להקים משפחה ולפרנס את עצמו, ולהקל בזאת גם על הוריו.

לעומת זאת חיי הקהילה והדת היו פעילים, מעבר לכל פרופורציה לגודלה המספרי של העיירה. בית הכנסת הגדול והעתיק, שהיה מפורסם בציוריו הנפלאים וספרי התורה העתיקים, ובית המדרש הגדול שלידו, שהיה עממי יותר המה במשך כל ימי השבוע מרוב מתפללים, ולומדי פרקי גמרא ומשניות. בית המדרש שימש לא רק לצרכי תפילה ולימוד, אלא גם למפגש רעים בענייני חולין ועל ענייני דיומא. היו גם מספר ניכר "שטיבלך" של חסידים וחצרות שונים, וכמה פולישין של גמילות חסדים, אומרי תהילים, ושל סנדלרים וחייטים, שבכל ימי השבוע היו ריקים מאדם, אבל בשבתות וחגים היו מלאים עד אפס מקום. כך זרמו החיים בעיירה במשך שנים רבות, כאילו על מימנוחות. רק מספר משפחות מעטות הצליחו להגר למדינות שמעבר לים בעזרת קרובי משפחה שם, ויתרם ציפו בכל עת צרה לבוא המשיח ויגאל אותם ממצוקתם. מוצא אחר של ממש, לא נראה באופק כלל, והאופק היה רחוק וקודר.

מתחילת שנות ה-20 חלו בעולם הרחב בכלל, ובפולין בפרט, כמה אירועים דרמטיים שהביאו לתמורות חשובות, והכניס רוח רעננה גם בעולמנו היהודי. ראשית, הפלישה הקומוניסטית לפולין (האינוזיה הקומוניסטית) והנסיון להשתלט על החלק המזרחי של פולין שנכשל, הביאה הרבה נזקים בנפש וברכוש גם ליהודים, אבל פולין השיגה את עצמאותה, וזה הפיח קצת תקוות, גם בקרב היהודים, לזכות גם הם לחיי שלוה, וקיום בכבוד. (בפולין החדשה שהוקמה מהריסותיה), **מה שלא קרה!** והאירוע השני החשוב מאד: הוא פרסום הצהרת בלפור שהפיחה רוח חיים ותקוה חדשה, לרוב העם היהודי באשר הם שם, ובעיקר בקרב בני הנוער שהפתרון לכל השאלות המעיקות על חיי היהודים בגולה יכולה להפתר ע"י עליה לארץ ישראל. באותו זמן החלו להגיע לכל יישוב ויישוב שליחים מארץ ישראל שהביאו את הבשורה המשמחת, כי האפשרות של שיבה לציון, זו לא רק משאת נפש, אלא מציאות ממש, שאפשר להשיגה בעתיד הקרוב. בני הנוער שלמדו בחדר ובישיבות,

וכן נוער מתבגר אחר, נעמדו על פרשם דרכים רצינית, האם להמשיך את החיים ללא תכלית, וללא עתיד, או להצטרף לאחד המועדונים שפתחו את דלתותיהם לכל באי בני העיירה. ההתעוררות היתה ספונטנית וסוערת, במקרים רבים באו הבנים והבנות לסניף אף בניגוד לרצון ההורים, ושתו בצמא דברי השליחים מהארץ, על החיים החדשים הנרקמים בקיבוץ ובמושב, על תחיית השפה העברית, ועל הארץ היפה והשוממה, המצפה לבוא בניה לבנות אותה ולהיבנות בה, ממש ימות המשיח. המסר נקלט יפה, וגל התעוררות זה אי אפשר לעצור עוד. השירה והדי ההורה הדהדו מקצה העיירה עד קצה, בעיקר בלילות שבת וחג. ההתעוררות היתה כללית (של כל תנועות הנוער למיניהן) ואף החלו להתחרות ביניהן על נפשם של הצעירים מחפשי דרך לעתיד בטוח. בעיירה נפתחו קורסים שונים ללימוד עברית, והושמעו הרצאות בנושאים ספרותיים שונים. גם הספריות המעטות החלו לפרוח, הם לא יכלו לעמוד בלחץ הנוער הצמא, לספר יידיש טוב. את שלום עליכם, מנדלי ופרץ בלעו בלא פחות התלהבות מאשר פרקי גמרא על ביצה שנולדה ביום טוב... כאשר המועדונים של התנועות הציוניות, לא הסתפקו רק בעניינים שברוח, הם שלבו בפעולותיהם גם פעילות ספורטיבית וטיולים בחיק הטבע, שם גילו לראשונה פינות חמד מחוץ לעיירה, כמו ה"קלנטביס" שמתאים לתחרויות שונות, ומשחקי חברה ואהבה (שהטבע מעניק לצעירים, בגיל הנעורים וההתבגרות מלוא חפניים). הצעד הבא היה בלתי נמנע: יציאת צעירים/ות לקיבוצי הכשרה לקראת עלייתם ארצה. כאן נתקלו לראשונה במחסום שלטון המנדט הבריטי על ארץ ישראל (ונגיעה ראשונה בשורשי הסכסוך היהודי־ערבי שעלה מדי פעם לכותרות) הציפיה ל"סרטיפיקט" היתה קשה ומאכזבת, למרות כל זאת, חיפשו המוסדות בלי הרף דרכים אחרות לעליה, כמו עליה ב' ואחרות, מה גם שהמצב הכלכלי בפולין החמיר מיום ליום. האנטישמיות הרימה ראש והחיים בעיירות, כמו במרכזים העירוניים, היו קשים מנשוא.

אין ספק בכך, שלעלית הנאציזם בגרמניה, והשתלטותו על אוסטריה וצעדיו הראשונים לכבוש את כל אירופה המזרחית, היתה השפעה ישירה על הרחוב הפולני, ועל התוהו ובוהו בתחום הכלכלי והבטחון האישי. אווירת מלחמה קרובה היתה מורגשת בכל תחומי החיים, בעיקר ברחוב היהודי. כולם נתפסו במלכודת, ומודאגים מה ילד יום? באווירת נכאים זו פלש היטלר לפולין ומלחמת העולם השניה החלה בכל מוראותיה, ומעל לכל החלו הנאצים בצעדים ראשונים ומזורזים לקראת ה"פתרון הסופי" לשאלת היהודים, וכל היתר כתוב בנחלי דם ודמעות, כל מוראות השואה של יהדות אירופה ובעיקר ליהדות המפוארת של פולין, שעלתה בלהבות. מטישיוויץ העיירה שלי לא נשאר דבר, אין סימן וזכר של בית, אין סימן וזכר של מצבה, שלידה אפשר להזיל דמעה ולהגיד קדיש. נשארה לי רק עיירתי טישיוויץ שבזכרונות, שתעמוד מול עיני עד יומי האחרון.

מאיר גרינברג

תרגם ועיבד צבי צביאלי

טישיוויץ מיין שטעטאלע פון די זכרונות

מיט גרויס כבוד, און מיט אציטער אין הארץ, נעם איך די פען אין האנד צו שרייבן וועגן דיר טישיוויץ, מיין געבורטס־שטעטאלע, דאס קליינע, דאס אומגליקליכע, וואס איז אינגאנצן אפגעמעקט געווארן פון דער לאנד מאפע, אין די שוידערליכע יארן פון דער גרויסע וועלט מלחמה 1939/1945.

מער פאסיג וואלט גווען צו שרייבן וועגן דיר, ניט מיט געוויינליכע טינט, נאר מיט בלוט און טרערן. און בודאי ניט אויף געוויינליכע פאפיר, נאר אויף די בעסטע פארמעט יריעות, ווי סהאט אמאל געשריבן, אינזער אלטער "סופר־סתם", מיט אגענזענע פעדער, יעדער אות און סימן האט מען בעדארפט שרייבן מיט גרויס קדושה, צוליעב אלעס וואס אין גווען דארט. צוליעב די רייכע פילפארביקע מענשליכע געשטאלטן, און די גרויסע און רייכע גייסטליכע פארמעגן, וואס האט זיך אנגעזאמלט דארט אין פארלויף פון דורות לאנג. דאס אלעס איז חרוב געווארן ביזן גרינט, דורך די נאציס און זייערע מיטהעלפער (ימח שמם) פון אינזערע שכנים אליין. איך בין ניט אשרייבער, און כבין גאנץ ארעם איןווערטער צו שילדערן, און דערציילן די ווינדערליכע לעבנס געשיכטע פינם שטעטל ביזן חורבן. אבער, אפילו זייענדיג אגאר געוויינליכער מענש, וואס האט אדורכגעלעבט און אפגעפילט אגרויסן חלק פון דער שואה, אויף זיין אייגענם האלזן־אקין, פילט פאר אגאר הייליגן פליכט, צו דערציילן אינזערע קינדער און אייניקלעך, און אויף פאר די קומענדיקע דורות, דעם פשוטן אמת וואס האט פאסירט דארט, זיי זאלן וויסן אינזער פערגאנגענהייט און זייער אייגענעם אפשטאם, און דעם פאריקטן ווייטן שטעטעלע און פוילן, וואס איז גווען אזוי ווייט געאגראפיש פון אינז, און אזוי נאונט צום הארצן, טישיוויץ דאס שטעטעלע מיינס ז׳ל ביזן חורבן. לויט פארשידענע היסטארישע קוועלן, איז דאס שטעטל טישיוויץ (אין פויליש טישאווצע) געגרינדעט געווארן מיט א 500 יאר צוריק אויף אגאר גרויסן און ברייטן שטח, וואט געהערט צום טאמאשאווער פאוויאט לובלינער גובערניע. ארים און ארים דער געגנט, זענן גווען וועלדער פעלדער, גערטנער, און גרויסע גרינע בארבעטע שטחים פון לאנדווירטשאפט און פיה פאשע, ארים דעם שטעטל האט זיך געפלאסן דער הוטשווא טייך, וואס האט זיך ווייטער, נאך אפאר צענדליק קילאמעטער נאך הרוביעשאוו, ארייגעגאסן און דעם גרויסן ביג טייך אין מזרח.

די הייזער זענן גווען מערנסנטייל אויין שטאקישע פון האלץ, פון די גרויסע וועלדער און דער סביבה (אויך צום בעהייצן) די עלעקטערישע באלייכטערונג איז אויך (און אנפאנג פון די 30 גער יארן) ניט גווען גענוג אנטוויקלט. די גאסן האבן באלויכטן נאר אייניגע גאזאווע לאמפן. ברוקירטע שאסעין און וועגן פאר אמאטאר קאמוניקאציע מיט אנדערע שטעט און דער אומגעגנט, האט מען נאר יעצט אנגעפאנגן צי אנטוויקלן, אזוי, אז און דער פרילינגס צייט, ווען די שנייען זענן זיך צוגאנגען, זענן

די בלאטעס גוועט ביז איבער די קניעס.

די קליינע הייזלעך נעבן טייך האבן זיך אפגעשפיגלט אין וואסער ווי שווימעדיקע קאסטענס וואס שאקלען זיך ביים מנחה דאוונען, ווי כורעים ומשתחוים, אזא מין שטילע פאסטאראלע בילד אויף גאטס וועלטל.

ביז דער שואה האבן געלעבט אין טישיוויץ קרוב צו 4,000 יידישע משפחות, וואס האבן געפירט אבעשיידן יידיש לעבן, מיט אגאנץ אקטיווע קהילה טעטיקייט. קיין גרויסע גבירים זענען ניט געווען. מערנסטייל האבן זיך פארנעמען מיט מסחר, אגעוויסע צאל בעלי מלאכה'ס, וואס האבן פראדוצירט אויך, פאר די פויערישע סביבה וואס האבן געלעבט אין די דערפער ארים טישיוויץ, איין מאל אין וואך (מיטוואך) איז געווען זייער ארעשעדיקער יריד וואס אלע סוחרים אין פעדלער פון שטעטל, אין פון דער נאונטער אין ווייטער סביבה, האבן ארויסגעשטעלט אויף שטעלן זייערע סחורות צום פארקויפן. די פויערים האבן אויך געברענגט אויף זייערע וועגענער צום פארקויפן, זייער פראדוקציע פון פעלד, אין פון גארטן, פון אגרין ציבאלע, אין אחודש רעטעכל, ביז אקעלבל, אין אחזיר. זיי פלעגן צוריק קויפן פינם מארק אנדערע נייטיגע זאכן אין סתם "מציאות" וואס מקען נאר טרעפן אויפן מארק טאג. דער יריד האט טאקע ארייגעבראכט (אויף אוויל) אאנדערע אטמאספערע, אין דעם מאנאטאנעם לעבן פון שטעטל. אין טישיוויץ זענען אויך געווען, אויסער די קליינהענדלער עטליכע פעדלער "דארפסגייער" וואס זענען געגאנגען פון דארף צו דארף, פון שטיב צו שטיב מיט אבינטל סחורה אויף זייער אקסל אזא מין כל־בו געשעפטל (פון אנאדל - פאדעם, ביז ארעשטל שטאף). עטוואס פון יעדן סארט, אזוי האט מען זיך ארום גשלעפט אגאנצע וואך. פרייטיק זענען זיי געקומען צוריק אהיים אויף שבת, אין האבן מיטגעבראכט מיט זיך פון דארף אין דעם זעלבן אויסגעליידיקטן זאק אביסל גרינצייג, אביסל ארבעס אין קאשע, עטליכע קילא קארטאפלעס וויפיל סאיז אריין, פאר נאך אוואך צו לעבן פאר זיין גרויסע משפחה אין שטעטל.

אין אלגעמיין האבן די יידישע באפעלקערונג אין שטעטל ניט גהאט אלייכט לעבן. זיי האבן שווער געארבעט פון פרי פארטאג ביז ביינאכט, אין ניט וויניג זענען אויפגעשטאנען גאר פרי, צום דאוונען ביים ערשטן מנין, אין בית המדרש (ווען סאיז נאך פינסטער גווען) זיי האבן געטוען אלעס צו פארדינען אשטיקל ברויט, פאר זייערע גרויסע משפחות, אין אויך אויף אשטיקל חלה אויף שבת. אין ניט תמיד איז דאס יעדן געלינגען. ניט יעדער האט געקאנט זיך ערלויבן צו קויפן אפאר הייזליך, אדער אפאר שיכלעך פאר יעדן קינד (וואסמהאט שוין ניט געקענט פאריכטן) אבער טראץ דעם אלעם, האט מען ניט גשפורט צו שיקן די ייגלעך צום בעסטן מלמד, בפרט צו דעם, וואס האט אויך געלערנט, שרייבן יידיש, אין חשבון. ביי אים האט מען געלערנט ביז דער בר־מצוה. דאן האט מען אנגעהויבן קלערן פון "תכלית", קיין גרויסע מעגליכקייטן אין שטעטל זענען ניט געווען. אדער אריינגיין אין מיטארבעטן אין פאטערס געשעפטל, אדער־צי לערנן עפיס אפאך, וואס מהאט געקענט לערנן אין שטעטל. אזוי, אז אין עטליכע יאר שפעטער, זאל ער קענען זיך אליין מפרנס זיין, אין אויך פערלייכטערן דעם פרנסה עול, פון זיינע עלטערן.

אויסער דעם איז די געזאלשאפטליכע טעטיקייט (ווי אויך אויף דעם רעליגעזן געביט) גוועזן זייער טעטיק, איבער יעדן פראפארציע, אין פערגלייך פון צאל אייוואינער אין טישיוויץ. די גרויסע אלטע שוהל, וואס זאיז גוועזן באוויסט מיט אירע ווינדורבארע קונסטליכע ווענט אין סטעלע מאהלען, אין אירע אלטע ספרי תורה, דער גרויסער בית המדרש נעבן איר, וואס איז גוועזן אסך פשוטער פאר דעם "עמד" האט אין פארלויף פון אלע וואכידיקע טעג געווישט פון פיל באזוכער, צום דאוונען, לערנן אפרק משניות, אדר סתם פאר אשמועס בענייני דיומא. דער בית המדרש האט געניצט ניט נאר פאר דברי קודש נאר אויך פאר אנדערע פראזאישע געברויכן. אחוץ דעם זענן גוועזן אייניגע חסידישע שטיבלאך פון פערשינדע רבנישע הויפן.

אייניגע פולישן פון "תהילים־זאגער", גמילת־חסדים, אין פון פארשידענע האנדווערקער שניידער, שיסטער א.א, וואס אין משך פון אלע וואכידיקע טעג זענן זיי גוועזן ליידיג. אבער אין די שבתים, אין ימים טובים, זענן זיי גוועזן איבערגעפילט, אהן אין ליידיק ארט. אזוי האט זיך געפלאסן דאס מאנאטאנע שווערע לעבן אין שטעטל יארן לאנג. זייער אקליינע צאל משפחות איז געלינגען מיט וועלכעס סאיז הילף פון זייערע משפחות צו עמיגרירן אין אויסלאנד, זייע אגרויסע צאל משפחות האבן געהאפט אז משיח וועט קומן (ווען סאיז) אין וועט זיי אויסלייזן פון זייער נייט. פאר דעם דורשניטליכן (ניט פאנאטישן מענש) איז דער מצב גוועזן כמעט ווי אהן אאוויסויעג...

אין אנפאנג פון די 20 גער יארן האבן אין דער ברייטער וועלט בכלל, אין און פוילן בפרט, פאסירט אייניגע דראמאטישע פאסירונגען, וואס האבן געברענגט מיט זיך גרויסע האפנינגען אויך פאר די גרויסע יידישע באפעלקערונג אין פוילן, ווי אויך אויף דער ברייטער יידישער וועלט.

ערשטנס, די קאמוניסטישע אינוואזיע אין פוילן, אין זייער פריוו צו באהערשן זיך אויף אגרויסן טייל פון מזרח פוילן (וואס איז אדורכגעפאלן) האט געברענגט אסך שאדנס פאר יידישן לעבן, אין יידיש פארמעגן אומעטים ווי סהאט פאסירט, אבער פוילן האט דערגרייכט איר זעלבסשטענדיקייט, דאס אליין האט אריינגעבראכט מיט זיך אהאפנונג אז די גרויסע יידישע באפעלקערונג וועט אויך זוכה זיין צו ארוהיג אין בכבודיק לעבן אין בעפרייטן פוילן (וואס סהאט ניט פאסירט). אין דער צווייטער גרויסער אין חשובער פאסירונג איז גוועזן דאס אפענע ערקלערונג פון דער באלפור דעקלאראציע, וואס האט אריינגעבלאזן אנייע האפנונג פאר יעדן ייד אויף גאר דער וועלט, אין בעהויפט פאר דער יידישער יוגנט. אז אט אט קומן משיחס צייטן אין די אלע שווערע פראבלעמן פון דעם עקזיסטינץ אין גלות, וועלן קענן געלעזט ווערן דורך דעם עולה זיין קיין ארץ ישראל. די ערשטע סימנים זענן גוועזן, ווען סהאבן אנגעהויבן צו קומן אין יעדן יישוב שליחים פון ארץ ישראל מיט דער פרייליכער בשורה אז סהאט זיך געפנט אוועג, וואס אלע יידן וועלן קענן עולה זיין אין ארץ ישראל. די יוגנט וואס האבן געלערנט אין די חדרים, אין ישיבות, אין אנדערע יוגנט פון שטאט, אין שטעטל, זענן פליצום געשטאנען פאר ערנסטען לעבנס באשלוס, אדער ווייטער פארטזעצן זייער לעבן אהן אצוקונפט, אהן אאויסוועג, אדער

איינשליסן זיך אין איינע פון די יוגנט ארגאניזאציעס, וואס האבן געפנט פריי די טירן פאר יעדן איינעם יוגנטליכן אין שטעטל. די ספאנטאנישע ערוועקונג איז געווען אויסער ווי געוויינליך, פיל זענען געקומען אין די יוגנט ארגאניזאציעס, אפילו קעגן דעם ווילן פון די עלטערן. זיי זענען מיטגעשלעפט געווארן מיטן גרויסן ענטיזיאזם, אז ריכטיג איז דא אנייע בשורה, אנייע האפנונג, פאר אבעסערן מארגן. די באריכטן, אין די דערציילונגען, וואס די שליחים האבן געבראכט פון ארץ ישראל, פון דעם נייעם לעבן וואס ווערט געשאפן, אין קיבוץ אין מושב, ווי אויך די בשורה פון דעם אויפלעבונג די אלט־נייע עברית שפראך. האבן געטוען זייערס, דאס שטעטל האט טאקע אויפגעלעבט, די קלאנגען פון די ארץ ישראל לידער, אין הורה טענץ, זענען אריינגעקומען אין יעדן שטיב, קיינער האט ניט געקענט בלייבן גלייכגילטיג. סהאבן זיך געפנט קורסן פון לערנן עברית, סהאט זיך אנגעפאנגען אברייטע קולטורעלע טעטיקייט, פון ליטערארישע פארלעזינגען, די ביבליאטעקן האבן. אנגעהויבן פינדאסניי צו בליען, זיי זענען מיט אמאל איבערגעפילט געווארן מיט פאדערונגען, פאר נאך, אין נאך, ביכער פון שלום עליכם מענדעלע י.ל. פרץ אין אנדערע, זיי האבן "איינגעשלינגען" זייערע ביכער אפילו מיט מער התלהבות פון דעם פרק אין גמרא: "על ביצה שנולדה ביום־טוב..." אויסער די קולטורעלע טעטיקייט, האט מען אנגעפאנגן אויך מיט אברייטע ספארטיווע טעטיקייט, אויף דער פרייער נאטור. מיט אויסצוגן, מיט זימער קאלאניעס, ווי ספאסט פאר יינגווארק, אין זייעע בעסטע יארן. דארט האבן זיי ענדעקט שיינע נאטור ערטער, אויסער דער שטאט, ווי די קלענטוויס, די וועלדער, אין די גרינע ברייטע שטחים איבערן טייך. דער קומענדיגער שריט איז געווען כמעט ווי זעלבס פארשטענליך ארויסצופארן אין אקיבוץ הכשרה צו גרייטן זיך עולה צו זיין אין ארץ ישראל.

דא האבן זיי זיך אנגעטראפן מיט דער ערשטער ממשותדיקער באשוערונג פון דעם בריטישן מאנדאטארישן מאכט איבער ארץ ישראל. די שווערע גזירות פינם "ווייס־בוך" קעגן דער עליה, אין פאקטיש דער רעיעלער גרינט, פון יידיש־אראבישן קאנפליקט איבער ארץ ישראל. די קוואטע פון "סערטיפיקאטן" זענען געווען זייער באגרעניצט, אין די שוואכע אויסזיכטן, זוכה צו זיין פאר אסערטיפיקאט האבן זייער אנטוישט, אויסער דעם, ווי באוויסט האבן די חלוצישע צענטראלעס ניט אויפגהערט צי זוכן אנדערע וועגן פאר דער עליה אין ארץ ישראל, מיט מער אדער ווייניגער הצלחה. שפעטער איז די עקאנאמישע לאגע אין פוילן געווארן נאך שווערער, דער אנטיסעמיטיזם האט אויפגעהויבן דעם קאפ, אין דאס לעבן אין די קליינע שטעטלאך, פונקט ווי אין די גרויסע שטעט, זענען געווען זייער שווער אין פערצווייפלט, פון דייטשלאנד זענען אנגעקומען מער, אין מער באריכטן, אז היטלער גרייט זיך צו אמלחמה. דער ערשטער שריט, צי באהערשן זיך אויף עסטרייך ווי באוויסט, האט ניט אנגעטראפן מיט קיין שום ווידערשטאנד, דאס איז געווען, דער ערשטע טריט זיינער צו באהערשן זיך, כמעט אויף גאנץ אייראפע. דאס האט שטארק געווירקט אויף דער פוילישער גאס, אין נאכמער אויפן גרויסן יידישן קיבוץ דארט, ערסטע מלחמה קלאנגען האט מען שוין געפילט אין דער לופט. קיין זאך האט ניט געקענט

איינהאלטן היטלערן מיט זיינע באטאליאנען, אין קעגן זיינע שווערע לופט אטאקן אויף פוילין. די 2 טע וועלט מלחמה האט אנגעפאנגן, מיט אירע אלע שווערע תוצאות. די טרויריקע ווירקליכקייט האט געוויזן אויף וויפיל היטלער האט זיך באצויגן ערנסט צו זיין שוידערליכן פלאן, צו לעזן ענדליך די "יידן פראגע". צום גרויסן באדויערן איז זיין גרויזאמער פלאן געלינגען, אין דאס אלעס וואס איז געקומען נאך דעם איז געשריבן מיט טייכן בלוט אין טרערן, דאס אייראפעאישע יידנטום, אין דאס פוילישע יידינטום אין שפיץ, איז אוועך אין פלאמן.

פון מיין שטעטל טישיוויץ איז ניט געבליבן קיין זכר, ניט אשטוב, ניט אסימן פון אמצבה, וואס מזאל קענן נעבן איר לאזן אטרער, אין זאגן קדיש, סאיז געבליבן נאר מיין שטעטל טישיוויץ אין דעם זכרון.

מאיר גרינברג

עיבד צבי צביאלי

זכרונות
(בילדער פון דע אלטער היים)

נעבן אינזער שטיב, אין דער ווייטער פערגאנגענהייט אין שטעטל, האבן געוואוינט נאך 2 שכנים, טיר ביי טיר, אינזערע שכנים זענן גוועז גיטע פיינע מענשן. אין מיר זענן גוועז מיט זיי, זייער גיט בעפריינדעט, איינער פון זיי איז גוועז אבר־מזל, וואס ער האט געטוען איז אין געלינגען.

ער האט גהאט 2 טעכטער, אין 4 אייניקליך, וואס האבן געוואינט ניט ווייט פון זיי, אין האט גהאט פון זיי פיל נחת, זיי פלעגן זיי באזוכן זייער אפט. אין זיי זענן גוועז זייער גליקליך מיט זיי.

דער צווייטער שכן, איז ניט גוועז אבר־מזל, מיט וואס ער האט אנגעהויבן זיך באשעפטיגן, איז אים ניט געלינגען, ניט איינמאל האט ער אנגעוואירן פיל געלט. אין זייער לעבן איז גוועז שווער, אין אומגליקליך, פון זיינע קינדער האט ער אויך ניט גהאט פיל נחת, אין ער האט זיך שטענדיג פארקליוגט אויף זיין ביטערן גורל.

וואס סאיז אים גוועז נאך שווערער, זיין שוואכן געזינט צושטאנד, דאס וואס מזאגט: סהאט אים געפעלט אטראפן מזל, צום בעדויערן, אזוי איז די וועלט.

ביי איינעם נחת אין פרייד, ביים אנדערן צרות אין לייד.

עובד ע״י: צבי צביאלי

זכרונות מבית אבא
(תמונות מהעולם הישן)

ליד ביתנו בעבר הרחוק בעיירה גרו עוד 2 שכנים, דלת ליד דלת. שכננו היו אנשים טובים וישרים, ושררו בינינו יחסי שכנות מצויינים.

שכננו האחד היה בר־מזל, במה שעסק האיר לו אלוהים את דרכו והצליח. היו לו 2 בנות שגרו לא רחוק ממנו, מהן שבע נחת רב. היו לו גם 4 נכדים נחמדים, שלעיתים קרובות באו לבקרו, והם היו המאושרים עלי אדמות.

לשכננו האחר - לא האיר המזל פנים. במה שרק התחיל לעסוק, הלך לו הכל הפוך, במקרים רבים אף הפסיד כסף רב, וחייו היו קשים ואומללים ביותר. גם מילדיו לא שבע נחת רב, ותמיד התאונן על מר גורלו, כי לא היה להם לא בית, ולא כל רכוש אחר, והגרוע מכל, הם לא היו בקו הבריאות כמו שצריך. פשוט, היה חסר לו טיפת מזל.

לצערנו - כך נראה העולם, לאחד נחת ושמחה, ולאחר צרות ואכזבה.

תורגם ע״י: צ. צביאלי

דער טרויריקער סוף פון דעם "בעל עגלה" וואלף קליינער פון טישיוויץ

דאס האט פאסירט אין ענד פעברואר 1940. דער ווינטער איז געווען זייער אשווערער. נאך 2 טעג פון געדעכטן שניי, איז די גאנצע ערד באדעקט געווארן ווי מיט אטיפן ווייסן דיוואן, פון האריזאנט צו האריזאנט.

אין איינם פון יענע טעג, האט וואלף דער "בעל עגלה" פון טישיוויץ, איינגעשפאנט זיינע 2 אויסגעפיצטע פערדלאך (ווי די לייבן) צום פריש גלאנציגן שליטן, און איז מיט איניגע פאסאזשירן, ארויס געפארן קיין זאמאשץ. ווי געוויינליך האט וואלף געהאלטן לייכט די לייטשעס, און ווי תמיד איז ער געווען זיכער אין זיך, ווי אויך אין זיינע געטרייע פערדלאך, (וואס האבן שוין געקענט דעם וועג פון יארן לאנג). דאך האבן זיי זיך גאנץ גיט אנגעשטרענגט, צום אדורך שניידן דעם טיף באשנייטן וועג, וואס ציעט זיך דורכן גרויסן און גרויזאמן וואלד, וואס איז געווען אין מיטן וועג קיין זאמאשץ, דאס האט מען געקאנט זען לויט די גרויע ווארימע פארע, וואס האט געשפראצט פון זייער אטעמן, און פון זייערע מיילער. גאנץ קענטיג אז דער גרויזאמער פראסט האט איינער אליין געהערשט דאן אויף גאטס וועלטל.

קומענדיג אין אנפאנג וואלד, האבן זיי פליצום גהערט אקורצן באפעל סטאו!!! (בלייב שטיין!) וואלף און זיינע פאסאזשירן, זענען ווי פארגליווערט געווארן אופן ארט. אנטקעגן זיי זענען געשטאנן 2 באוואפענטע חוליגאנן, וואס האבן קאטעגאריש באפעלט, זשידשע אראפ פון שליטן! זיי האבן ניט פארשטעלט די שוידערלוכע כוונה זייערע צו דערמארדן זיי דא, גלייך אופן ארט. וואלף און די מיטפארער זיינע האבן זיך אנגעפאנגן בעטן ביי די מערדער רחמנות אויף זיי, און אויף זייערע קינדער, און האבן זיי געוואלט אוועקגעבן זייער געלט, נאר צי לאזן זיי בלייבן לעבן, און ווען זייער געבעט האט ניט באריערט דעם געוויסן פון די מערדער - האט וואלף און די אנדערע יידן אנגעפאנגן מיט אגרויסן יאמער: שמע ישראל ה' אלוהינו השם אחד"! אבער דער קלאנג פון איניגע שאסן, האט אפגעשניטן זייער לעבן אויף אייביג! ביים גרויסן באלאגאן וואס האט געהערשט דאן, איז ניט געווען אפילו, פאר וועמן זיך צי פארקלאגן... ערע זייער איינדענק.

אלע אין טישיוויץ האבן געזאגט נאך זיי קדיש.

עובד ע"י: צ. צביאלי

28.11.1940

סופו המר של וולף קליינר "הבעל עגלה" מטישיוויץ

סוף פברואר 1940, החורף היה בכל תוקפו והדרו, וקר מאד. אחרי יומיים של שלג בלתי פוסק, כוסה כל היקום במרבד לבן ענק ועמוק, מאופק עד אופק. יום אחד, רתם וולף ("הבעל עגלה" של טישיוויץ) את 2 סוסיו האבירים לעגלת־החורף הממורקת שלו, והעלה עליה מספר נוסעים לזמושץ.

וולף כדרכו, החזיק קלות במושכות, בטוח בעצמו, ובסוסיו הנאמנים (שהכירו דרך זו מימים ימימה) עשו מאמץ ניכר בפריצת הדרך המושלגת, על פני המישור רחב־הידיים, עד הגיעם לקצה היער הגדול והמפחיד, שעליהם לחצות בדרכם לזמושץ. מנחירי הסוסים נפלטו אדים באפור בהיר, שהבליטו עוד יותר את הכפור העז, ששלט אז בכל ממלכת החורף. בהתקרבם ליער נשמע לפתע קול פקודה חד, עצור! וולף ונוסעיו כאילו קפאו במקום ... מולם עמדו 2 בריונים מזויינים, שלא הסתירו את כוונותיהם, לרצוח אותם נפש. ז'ידזה החוצה! פקדו עליהם בתוקף רב. אין לכם כל זכות לחיות על אדמתנו זו. וולף ונוסעיו התחילו להתחנן על נפשם ומשפחותיהם, התחננו בפניהם שיקחו מהם את כל כספם, רק לא לרצחם נפש, והם בשלהם, מוכנים ללחוץ על ההדק בלי כל חשש ופחד.

כמוצא אחרון פתחו וולף ונוסעיו המפוחדים עד מוות, בצעקה מרה "שמע ישראל ה' אלוהינו השם אחד!" והד יריות קצר קטע את זעקתם לנצח ... אז בתוהו ובוהו ששלט בכל, לא היה אפילו בפני מי להתלונן ... כבוד לזכרם!

טרערן

מזאגט אז אין צווייען איז לייכטער צו וויינען,
אין צווייען ווערט גרינגער די שמערצן,
אזעלכע טרערן וואס פארקלעמן דאס הארץ...
איינס קען איך זאגן, אין אויך שווערן,
אז מיינע טרערן פון מיינע אויגן,
האט קיינער געזען, נאר גאט אליין,
אין דער ווייטיג אין פיין, זענן אוועק מיט זיי.
דער הימל האט זיך באדעקט מיט וואלקענס,
אין האט אקאלטן ווינט געבראכט,
אויפן הימל קיין שיין נישטו,
סהאט זיך אראפגעלאזט, אפינסטערע נאכט.
פארלוירן האט די וועלט איר נאמן,
פארפינסטערט ליגט זי, ווי זאיז גרויס,
פארוויאנעט ליגן אלע בלומן,
געשטארבן איז די לעצטע רויז.

עובד ע״י: צ. צביאלי

25.11.1945

דמעות

אומרים, כי לשניים יקל הבכי,
לשניים יקל הכאב,
אומרים, כי דמעות חונקות את הלב,
אחת ידעתי, ואף נשבעתי,
שדמעות הניגרות מעיני,
לא ראה איש מלבדי,
רק אלוהים בשמים ראה אותן,
הצער והכאב נמוגו אתן.
קדרו השמים, גברה רוח קר,
הלילה עלינו ירד,
השם לעולם אבד...
אפל העולם, לאורכו ולרוחבו,
כל פרח קרס,
כל ורד גסס.

תורגם ע"י: צ. צביאלי

מיין טאטנ׳ס ברכות

נאך דער סעודה המפסקת פאר כל נדרי,
פלעגט מיר שטענדיק בענטשן מיין טאטע
אויף מיין קאפ פלעגט ער לייגן זיינע דארע הענט,
ביידע צויגעטולעט צו זיין קיטל, פלעג איך ציטערן,
אין הערן, אין מיין טאטנס כמורנע אויגן פלעגט
ווערן פיל מיט טרערן, יעצט מיין קינד, קים אין שול אריין
גאט וועט דיר אלעס גיטס געבן, זיי אגיטער, זיי
אפרימער, וועט דיר גוט זיין, וועסט לאנג לעבן.
אין מקוים איז גווארן, נאר איין טייל פון טאטנס
ברכות. לעבן, לעב איך אין יסורים,
טאטע, טאטע מיט דיין ברכה האסטו געמיינט צום גיטן,
נאר מיט דיין ברכה האסטו מיר גאר געשאלטן,
לאנגע יארן לעב איך, אין איך האב צו זיי דערצי
לאנגע שמערצן.
יעדן טאג אניי אומגליק, נייע ווינדן אין מיין הארץ.

עובד ע״י: צ. צביאלי

1939

ברכת אבי

בין כל־נדרי, לבין "המפסקת",
הוא שם על ראשי את ידיו הרזות,
ובזמן שאל הקיטל ישותי נדחקת,
— "יבורכך" — לחש כמנהג האבות.

תוך תחושת הקדושה, באוירה מחושמלת,
אני מקשיב — כשידי רועדות —
אל קדושת המילים שלשונו ממלמלת,
ועיניו הקודרות מתכסות בדמעות.

ובשביל לכל־נדרי כשיום־הדין על כתפי,
מטיף עלי אבי "תרי"ג המצוות"...
— "לו בני שומע לי, לו יהלך בדרכי..."
יזכה ויחיה אחרי, עוד שנים ארוכות... ארוכות...

אבוי!... הברכה התגשמה, אומנם, אבי היקר!
ארוכות הן שנותי, אך קללה הם הימים!
ראה איך הכאב את רוחי שבר...
הו, אבי!
הצילני מסבל, גאלני מחיי היסורים!

תורגם ע"י: ר. אברשה

זייער לעצטער געבעט...

ווי אין אבונקער גאנץ פינסטער אין שמוציק,
צובראכענע פענסטער מיט פאפיר,
די ווענט זענען טינקעל פארשימעלט אין גליטשיק,
עס פייפט דער ווינט דורך דער טיר.
דער פלאר איז פארפוילט, שוין אויף שטיקלאך
עס זעט זיך די ערד, גאר פארפרוירן אין נאס,
קיין אויוועז נישטו, אין דער פראסט, ער קנאקט שרעקליך,
עס טרעסלט זיך, אין מיטשעט זיך פיל מער ווי אין גאס.
אויפן פלאר אין אזייט, אויף אזאק ליגט אויסגעצויגן,
אמענש מיט שמאטעס באדעקט, אשקארלעט,
סאיז געל זיין געזיכט, איינגעשרימפן זיינע אויגן,
ער מורמעלט גאנץ שטיל זיין לעצטן געבעט...
די ווייב אין קינדער שטייען ארים אים,
עס גיסן זיך די טרערן פון זייערע אויגן,
אין שרייענדיג בעטן זיי אים, טאטע שטארב נישט!
האב אויף אינז רחמנות, אין לאז אינז ניט איבער עלנט אליין,
מיר ווען דאך פון הינגער אויסגיין.
אה, הערט אוף צו וויינען, אין הערט אויף צו קלאגן,
אין לאזט מיך רוהיג באגעגענען דעם טויט,
וואס העלפט אייער וויינען, איך קען מער ניט איבער טראגן,
דו ליידן פון הינגער אין נויט.
ביי די נאציס האב איך מיין געזינט פארלוירן,
געהארעוועט ביי טאג אין ביי נאכט,
די מארד מאשין האט מיינע יארן פארקערצט,
יעצט שטארב איך פון הינגער אין נויט.

עובד ע״י: צ. צביאלי

זעקי, חרפת הרעב

המרתף מעופש, טחוב ואפל,
על קירות זעת העובש תוסס.
בקור הצובט, ברוח ההולל,
הוא על שק מטונף שוכב וגוסס.

על שלד מצומק, עור יבש וצהוב,
את עיניו, דוק צלמות מציף.
ממלמל וגונח ומבקש תוך מכאוב,
נשמתו אל בוראו להשיב.

דרך יסורים צעד כל ימיו,
בפרך העבד על פת קיבר.
עתה ביתו ישאר מורעב...
מיותם... מתוסכל... מיוסר...

רכונים מעליו עלובי החיים,
משפחתו הזועקת עד בוש...
הפרנסים שמנגד, איך עצמתם עיניים?!
האין בכם עוד צלם אנוש?!

תורגם ע"י: ר. אברשה

איך געזעגן זיך

איך געזעגן זיך מיט מיין מאמען,
איך גיי ארויס אין אוועג, אווייטן, ווייטן,
איך קוש ווארים איר האנד,
אין איר שאטן, ציטערט זיך אפ, אויף דער וואנט.
כהער אטיפן קרעכץ פון הארץ,
וואס ווייטער, ווערט מער, אין מער שווארץ.
פון אירע אויגן. קייקילט זיך ארויס אטרער, אין נאך אטרער,
וואס דארף מען נאך מער?...
זי וויינט שטיל, אין מורמילט שטיל אגעבעט,
זעסט דאך מיין קינד, וואס דא געשעט,
אומעטום, אומעטום, זאלסט ניט פארגעסן,
דיין טאטן, אין מאמען...
מיין הארץ ווערט צובראכן, אלעס פערפאלן...
אין דרויסן וואיעט שטארק דער ווינט,
וואס פאסירט דארט אצינד?
אלעס זעט אויס אנדערש, אין פרעמד,
ווי איז מיר, כמעט אלעס שוין פארברענט.
ווי איז פליצלינג, פארשווינדן מיין אלטע 300 יעריגע שיהל?
ווי איז פארשווינדן די בריק איבערן טייך, ווי איז די מיהל?
אין מיין מאמע הערט ניט אויף צו וויינען,
קען מען ניט באקומן, הילף פון קיינעם?
אשפיל פויגל פליעט שנעל פערביי,
זי וועט נאך אפשר זען מיין מאמען,
אבער איך - קיינמאל, מאמע מיינע...

עובד ע"י: צ. צביאלי

1942

הפרידה מאמי

הנני נפרד מאמי ויוצא לדרך ארוכה,
הנני נושק בחום את ידה, וצילה נרעד על הקיר מולי,
הנני שומע אנחה, ומעיניה מוזילה דמעה ועוד דמעה,
היא בוכה חרישית ופיה ממלמל תחינה,
אל תשכח את אביך ואמך - בני,
לבי נשבר לי בתוכי...
מעבר לחלוני בחוץ מיילל הרוח,
הוא בוכה יחד אתי.
בחוץ נראה לי פתאום הכל לא מוכר, מוזר
הו שוד ושבר! איפה נעלם לי פתאם, בית הכנסת שלי,
העתיק, הישן? בן 300 שנה?
איפה נעלם הגשר מעל הנחל, תמה אני?
ואמא אינה חדלה לבכות, האם הסוף קרוב?
ציפור שיר חולפת ביעף,
היא אולי עוד תראה את אמי,
ואני - בספק רב!



תורגם ע"י: צ. צביאלי

קוק פון הימל אין זע

קוק פון הימל אין זע,
ווי מפייניגט דיינע קינדער
אין הער צו, צו זייער געבעט.
פון איין עק וועלט - ביזן ענד וועלט.
שווער צו זיין אייד!
זיי ווערן געיאגט פון ארט צו ארט,
ווי אסטאדע שאף - צווישן אסטאדע בייזע וועלף,
האט מען אינז אפגעלאזט,
צו זייט אין צושפרייט, אויף דער גאנצער וועלט,
הער צו אינזער געשריי, אין געבעט,
ביי אינזער שווערע נויט,
די האסט דאך אינז תמיד געהאלפן,
ביי אלע אינזערע שווערע מאמענטן...
די גלאז פון טרערן, איז שוין באלט פיל,
אין צי אלע צרות, נעמט ניט קיין סוף,
ביז ווען ביז ווען,
וועלן מיר ליידן נאך!

עובד ע״י: צ. צביאלי

1942

הבט משמים וראה...

הבט משמים וראה,
איך מענים את בניך,
ותשמע לקול זעקתם,
מקצה עולם - עד קצה עולם,
קשה להיות יהודי!
נרדפים הם, ממקום למקום,
כמו עדר צאן,
בין להקת זאבים טורפים הופקרנו.
פזורים ונרדפים, בכל העולם.
שמע קולנו, וזעקותינו לעת צרה,
אתה הלא מושיענו מכל פגע,
כוס הדמעות מלאה כמעט,
ולצרות אין סוף,
עד מתי, עד מתי, נסבול עוד?!

תורגם ע"י: צ. צביאלי

מיין טאטנס צוואה

ווען מיר ה אט מיין טעטע געוויינט,
ער האט גהאט צו מיר איין גרויס געבעט,
אז אייביק, אייביק, מיין טייערער זוהן,
זאלסטו מיר בלויבן אייד...
אין יעדן צושטאנד, וואס קען נאר זיין,
זאלסטו היטן מיין צוואה, אין מיין איינציגן געבעט...
אין מיט אטיפן קרעכץ האט ער נאך באמערקט,
אז מיט זילבער אין גאלד,
האט מיך ניט גאט געשטרופט,
אבער מיט אגייסטיגן שטאלץ -
וואס כטראג מיר תמיד אין הארץ טיף,
נעם דאס ניט צו ביי מיר, טייערער גאט!
איך בין געווארן אלט, אין מיד,
אין די מיין זוהן, ביזט יינג, אין געזינט,
די גאנצע וועלט איז פריי פאר דיר,
פארגעס ניט מיין זוהן, מיין געבעט,
בלייב אייד...
אין מער קיין ווארט נאך...
די צוואה - באגלייט מיך אויף יעדן ארט,
מיט שטאלץ אין זיכערהייט,
ביז מיין לעצטן טאג...

עובד ע״י: צ. צביאלי

1942

צוואת אבי

בגללי בכה אבי,
ותחנונים בפיו, אנא בני,
לעולם, לעולם תשאר יהודי!
ועל צוואתי זאת תשמור תמיד,
והוסיף, בזהב וכסף לא יסרני אלי...

אך זיכני בלא מעט שאר־רוח, רוח ישראל...
שאותה, אני שומר תמיד בלבי.
אל תסיר זאת ממני אלי...

אני זקנתי, עיפתי,
ואתה בני, הנך צעיר בריא!
וכל העולם לפניך חפשי.
אל נא תשכח בני, לעולם,
השאר יהודי!...

ולא הוסיף עוד...
צוואה זו מלווה אותי בכל מקום,
בגאון ובטחון, עד יומי האחרון.

תורגם ע"י: צ. צביאלי

הימל און ערד

נאך פון דעם סאמען אנפאנג, האבן הימלען מיין גייסט,
בעאיינפלוסט מיט גלויבן, און געדינט מיר אלס טרייסט.
אבער היינט!... ווי זיינען די מכות, וואס פרעה האט געלייזט?
וואס שווייגט איר, ווען מען קוילעט, מוטער און קינד!
הו, זיבן הייליקע הימלען, זאגט-זשע אליין,
זייט איר אלע זיבן, טויב־שטום און בלינד,
אז צוזאמען מיט דער זון און ערד, קענט איר גלייכגילטיג זיין?
ווי לאזט מען דאס א פאלק, פונקט אזוי ווי קויל,
אדער ווי קלעצער אין אויוונס פערברענען?
וואס איר וועט קיין עהנדליך - בעסטיאלישן גרויל,
אין דער מענטשהייטס געשיכטע, פינדען קענען.
אויך דו זון, האסט די רוצחים נישט פארברענט!
און אויך צו האסט זיי נישט איינגעשלינגען, מוטער ערד!
ווי האט איר דאס, די גרויזאמקייט פערשווייגן געקענט?
און ווייל איר האט גארנישט געזען,
און ווייל איר האט גארנישט געהערט,
האט איר מיט דעם אקט, מיין גלויבן צושטערט.
דעם גלויבן וואס כ׳האב, אייביק אין הארצן געטראגן,
און צו אייך, די הימלען, מיט איהם זיך געביקט...
נאר אז איר זייט טויב, קען איך אייך דען זאגן,
אז איר האט מיין גלויבן אין הארצן דערשטיקט...

עובד ע״י: א. רוטפרב

16.4.43

שמים וארץ

ככה זה התחיל מיד בהתחלה.
שמים הגידו לי למה,
שמים הגידו לי מדוע,
למה עלינו לספוג בושות אין-סוף,
על הארץ הבוגדנית הזאת?
יתכן מאד, שהארץ אילמת, חירשת,
ואף עוצמה עיניה מלראות,
את כל המחזות המבישים והמזעזעים...
ואתם שמי הרקיע, הלא צפיתם ממרום,
לא ראיתם את כל הזדון?
גם את השמש, שהנני זוכרך עוד משחר נעורי,
כסמל האור, החום, והיופי עד בלי די...
יכולת בשויון נפש לצפות ולראות,
נחלי דם, הרס ואומללות אין-סוף...
לכן צר לי מאד,
שאיני רוצה לראותכם עוד!
לשוא, הענקתי לכם את חדותי, חיוכי ודמעתי,
ואתם הוכחתם לצערי, ששמי הרקיע במרום
אינם יותר טובים - מהארץ הבוגדנית כסדום...
לכן אמונתי בכן, נמוגה כקצף על פני המים
הזורמים לאי-שם...

תורגם ע״י: צ. צביאלי

אין אווינטער נאכט

אין אווינטער נאכט האט זיך אין וועג געלאזט אייד
אינטערן ארעם אזעקל, טויט הינגעריג מיד.
נאר מיט בטחון אין הארצן צום האר פון דער וועלט
שלעפט ער זיך עלנט, אין אפעני׳עם שנייענדיקן פעלד,
דאס פעלד איז פאר אים לאנג אין ברייט,
שניי איז אים איבער דער קניע,
אין דער וועג איז פערווייסט,
אין ווי אפויגל אווילדער, טראגט אים דער ווינט
דער ייד הייבט אויף די אויגן צום הימל,
מיט רחמים זיין בליק, גאטעניו ברענג מיך בשלום אהיים צוריק
נאר איבער אים, איז דער הימל אגרויער ווי בליי,
אין ארום אים, טראגט דער ווינט זיך אווילדער שניי,
דער הימל הערט נישט דעם יידנס געבעיט אין געשריי,
דער ייד פאלט פון מידקייט,
אין האט מער קיין כח אויפצושטיין...
אזוי האט זיך געענדיגט דעם יידנס לעבן,
אין די פינסטערע יארן פון אינזערע געשיכטע.

עובד ע״י: ר. אברשה

1944

היהודי הנודד

בליל חורף, עם השק, בנתיב נידח,
גוע ברעב, את דרכו הוא שרך.
בוסס בשלג העמוק ואבוד במרחקים,
כושל מעיפות אך בוטח באלוהים.
במערבולת השלג, אל המרחב הפתוח,
נדחף אין-אונים ונגרר עם הרוח...
מובס ומושפל מול כוחות איתנים,
יהודי אל בוראו פונה בתחנונים:
- "הו, אבי שבשמים, הושיעני ממרום,
החזרני אל ביתי ומשפחתי בשלום!..."
...ואין מענה משמי עופרת,
רק קור מקפיא גופו חובק,
מסתחרר סביבו השלג,
רוח זלעפות זועף ושורק.
ללא מושיע, ובאין בולם את הכח הדורס,
הכרע היהודי, ועל השלג התמוטט גוסס...
כך נרדף עם-סגולה, חסר-מולדת בעבר,
וכך מעולם, גם לא פונק בידי שמים,
העם הנבחר.



תורגם ע"י: ר. אברשה

בילדער פונם שלאכט־פעלד

ווי אשטורם פון בלוט, אין טייכן טרערן,
קען די ווייטיג אין הארץ ניט אויפהערן,
ווי אזוי האבן די רוצחים געקענט,
ארויסרייסן קליינע קינדער, פון זייער מוטערס הענד.
ווי גרויזאם זענען געווען זייער געבעט אין געשריי,
רוצחים, לאזט אינז לעבן, לאזט אינז פריי...
די גאסן זענען געווען פיל מיט טויטע קערפער,
אויך מענשן שקארלעטן - פון נאך ערטער...
וואס האלטן וויינען אין בעטן,
יידן, האט רחמנות אין אינזער נויט,
שענקט אינז נאך אדאר שטיקל ברויט,
אין תכריכים פאר די, וואס זענען שוין טויט,
פיל זענען געווען די ליידן,
שווער געווען צו פארטראגן...
מזאגט, ווייט פון אויג - ווייט פון הארצן,
שווער צו זען טרערן פון ווייטן...
טרערן וואס גיסן זיך פון מאסן - ווערן טייכן,
אין סאיז שווער צו ליידן...

עובד ע״י: צ. צביאלי

1944

תמונות מגיא ההריגה

כמו זרם דם אדיר
ונהרות דמעות,
רותחת בלבי אסוני, יגוני,
איך השיגו ידי הרוצחים את עמי?
איך אנחות שבר של אמהות,
וזעקות עוללי, עולות למרום?
הרחובות מלאים בחללים,
ולצידי רחוב - שברי אדם נופלים,
ומתחננים, רחמו עלי!!!
נדבו תכריכים למתים,
ולחיים, פרוסת לחם דל...
רב הוא הסבל,
גדול הכאב מנשוא.
אומרים; רחוק מהעין - רחוק מהלב.
קשה לראות דמעות מרחוק,
דמעות הניגרות, מעיני אלפי נפשות,
והכאב הוא אחד גדול!



תורגם ע״י: צ. צביאלי

די ליידיקע אין פארלאזטע צימערן

די גייסט ארים,
צווישן די ליידיקע אין פארלאזטע צימערן.
אלע מיט פארשלאסענע טירן,
אטינקלער לאנגער שאטן, באגלייט דיך אומעטום,
אציטער גייט מיר אדורך אין מיין גאנצן קערפער,
אציטער אין אומבאוויסטע שרעק,
קלאנגען פון מיין וועלט, וואס איז אוועק,
מיין אומגליק...

עובד ע"י: צ. צביאלי

21.8.1945

החדרים הריקים והעזובים

אתה מתהלך בין החדרים העזובים,
והדלתות הנעולות,
וצל אפל וארוך,
מלווה אותך בכל מקום,
רעד עובר בכל גופי,
רעד ופחד מסתורי,
הדים מעולמי שנחרב,
אסוני...

תורגם ע"י: צ. צביאלי



געדאנקען אין אפינסטערע נאכט...

דער מלאך וויינט אין באדעקט די ערד מיט טוי
אשטערן האט העל געשיינט
אין איז פערגאנגין ערגיץ ווי אין רוים,
ער איז פערגאנגן אזוי שטיל,
אין האט פערשפרייט זיין ליכט, ארים אין ארים,
דער מלאך האט געוויינט מיט טרערן ריינע,
אין דער שטיל, שטים...
פאריתומט שטיי איך, אין ברעך מיר די הענט,
די פוסטע קרעטשמע שטייט ביי דער זייט,
האלב צושאסן, האלב פארברענט.
עס האט נאך אשטערן העל געשיינט,
אין איז ווידער פערגאנגן אזוי שטיל, ערגיץ ווי...
אמאל האבן פעלדער גרינע געבליט,
אין גערוישט, האבן די לעבנס, יעדן טאג, יעדן מיניט,
אין יעדן פארווארפן ווינקל האט געלעבט אייד,
אין מיט גאטס וועלט זיך געפרייד, אין דער שטיל,
ביי יעקב דער שמיד האבן די פינקן געשפריצט,
אין ווי שטערן געלאכטן, אין דער קוזיניע ביי דער מיהל,
די טעכטער זיינע געזינטע, אין פיל מיט לעבן,
האבן תמיד געלעבט אין געלאכט,
ביז סאיז געקומן אבייזער רוצח,
אין אלעס חרוב געמאכט.
חרוב געמאכט די פעלדער,
די מיהל, צוזאמן מיטן ייד,
די גרינע פעלדער פארגאסן מיט יידיש בליט
די קרעטשמעס האבן געברענט, אין געפלאקערט רויט,
אויך די לייבער געשענדעט,
דורך די מערדערישע הויט.

עובד ע״י: צ. צביאלי

20.11.1945

הירהורים באפלולית הליל

הגביר הכוכב את אורו
בטרם שקע ודעך...
הזיל בדממה דקה,
דמעות רחמים המלאך.

מול פונדק ירוי ושרוף,
ליבי התכווץ ונדם,
חרש שוב זרח כוכב
ואי־שם בחלל נעלם.

הוריקו פעם שדות למרחקים,
געשו כאן פעם חיי־אדם,
ובכל פינה נידחת, יהודים
הזמינו יהודים אל ביתם.

כאן הילל את עולמו של הבורא,
יהודי שבחלקו שמח...
היכן השוחט, "הבעל־קורא",
היכן הוא יעקב הנפח?!

היכן הם חוטבי־העצים,
הסבלים, שואבי־המים,
והבנות בריאות החזה,
מלאות שמחת־החיים?!

היכן הישוב, שם גדלתי,
המפחה, הפונדק והשוק,
המקווה, בית מדרש בו התפללתי
וטחנת הקמח על הצוק?!

הכל נשרף, נשחק ללא רחם
בידי עם של רוצחים, אכזר,
שהפך את עמי לאפר
ואת כפריו האהובים לעפר!

תורגם ע"י: ר. אברשה

מיין קינדער וויג

זעט ווי שנע, זענן די יארן אוועק
אין וועלן קיינמאל ניט קומען צוריק,
כגעדענק נאך ווי היינט,
ווי מיין טויטע מאמע, איז געלעגן אין קבר,
אין אפייכטן ליימיקן גריב,
דארט, ווי סאיז אמאל געווען איר שטיב.
מהאט צונויפגעשארט דארט אקליין בערגל ערד,
פאר אסימן אין אמצבה, ווי סגעהערט...
צווישן אמיש - מאש פון צובראכענע טעלער אין טעפ,
ליגט פארווארפן צובראכן מיין יוגנט בעט.
כהאב ניט מער, וואס צו טוען דארט,
כ'וואנדער ווידער, פון ארט צו ארט,
ווי אפויגל זיכט אנעסט,
אזוי איך, אטראפן רי פאר מיינע פיס,
צום באדויערן, אלעס אומזיסט...
אזוי איז דער גורל, פינם לעבן מיינס,
אזוי איז דער גורל, פון מיין שטיב, אין בעט,
אלעס צושטערט, דער זעלבער ענד...

עובד ע״י: צ. צביאלי

11.12.1945

עריסת ילדותי

איך השנים ברחו מהר,
ברחו, ולא יחזרו עוד לעולם!
זוכר אני כמו היום...
איך שכבה לה אמי המתה בקברה,
בתוך אדמת חימר לחה,
במקום - שהיה פעם ביתה,
נערם שם תל קטן, כאות ומצבה,
בין כלי הבית השבורים למדי.
זרוקה שם - גם עריסת נעורי,
אין לי עוד מה לעשות שם,
ושוב אני נודד ממקום למקום,
כמו ציפור מחפשת קן.
כך אני - טיפת מנוחה ומגן,
רק לצערי הכל לשוא,
כך גורל חיי,
כך ביתי ועריסתי,
הכל הרוס, אותו סוף...!

תורגם ע"י: צ. צביאלי

די מאמעס קישאלע

ניט איינמאל ווען איך ליג מיר אויפן בעט ביינאכט,
אויף אווייך קישאלע צוקאפנס פערטראכט,
שטעלן זיך מיר פאר די אויגן,
בילדער ווייטע פון מיין אלטע היים -
וואס האבן זיך, מיר איינגעקריצט אין זכרון.
איין בילד פון זיי: דאס געשטאלט
פון מיין פרימע ליבע מאמען,
אין מיינע אומגליקליכע שוועסטער,
וואס האבן געפליקט פעדארין,
בייטאג אין בייאנכט, מיר צוגרייטן,
אווייך קישאלע צוקאפינס,
פאר מיין ווייטן ווייטן וועג...
אוי, טייערע קישאלע מיינס!
וויפיל חלומות האב איך געחלומט,
ליגנדיג אויף דיר בייאנכט,
וויפיץ טרערן פון שמערץ אין פיין,
האסטו איינגעזאפט אין דיר אריין,
אין מיין לאנגן ווייטן וועג,
טרערן פון אינזערע ברידערס ביטערע נעכט אין טעג,
ווען מהאט זיי געפירט, ווי שאף צום שעכטן...
דורך נידערטרעכטיגע ברוטאלע אומענשן,
אהן אטראפן מענשליכן געוויסן,
קען מען דאס פארגעסן?
אין ווי איז גווען, דער געוויסן פון דער וועלט??

עובד ע"י: צ. צביאלי

1945

הכרית של אמא

לעתים, בשכבי על משכבי בלילות,
וכרית רכה מתחת לראשי,
עולות מול עיני, תמונות רחוקות מאד,
מעיירת הולדתי שנחרטה במוחי.
באחת מהן, דמותה הצנועה החסודה של אמי,
ואחיותי האומללות,
עת שמרטו נוצות, ימים כלילות,
לצייד אותי בכרית רכה,
לדרכי הארוכה...
הוי כרית יקרה!
כמה חלומות חלמתי, בשכבי עליך בלילות,
כמה דמעות צער וכאב, ספגת בתוכך בנדודי?
דמעות, על מר גורל עמי,
שהובל כצאן לטבח,
בידי חלאת אדם, ואין מושיע!
האפשר לשכוח כל זאת ידידי?
ואיפה מצפון העולם,
אם עודנו קיים!



תורגם ע"י: צ. צביאלי

דער שיכור

ווען כוואלט גהאט קליינגעלט אהן אשיער,
וואלט איך געטרינקן, פינם ביטערן טראפן, וויפיל נאר כוויל,
אין קיינער וואלט ניט געקענט, זיין גלייך צו מיר.
אלס דיפלאמירטער שיכור, וואס האט קיין זארג מער...
אפילו ווען כוואלט ניט גהאט קליינגעלט,
האב איך ניט, קיין איבריג זארג,
דער קרעטשמער, וועט מיר געבן אויף בארג.
אין אויב, ער וועל ניט וועלן, מיך מכבד זיין,
וועל איך בעטן אצווייטן, אאנדערן, ווער סזאל נאר זיין,
ער זאל קויפן אגלעזעלע, ניט נאר פאר זיך אליין...
שפאציר איך מיר אין גאס, מיט אאויפגעשטעלטן קאלנער,
אין בעט נדבות,
פאר אקליין גלעזאלע מחיי נפשות...
איז מיר קאלט, טרינק איך,
ווערט מיר הייס, טרינק איך זיך אפקיהלן,
בין איך געזינט - טרינק איך וויפיל סגייט אריין,
אין אויב כבין קראנק - טרינק איך צו ווערן געזינט,
אויב עמיץ האט מיך ליב - טרינק איך ווידער,
אין אויב קיינער האט מיך ניט ליב -
טרינק איך ווידער, ווייל אזוי גליסט זיך מיר,
בין איך אלט - טרינק איך, ווייל כהאב גראע האר,
בכלל, כהאב קיין אנדער ברירה, סאיז קלאר...
אין אויב דער מלאך המוות, קלאפט אין מיין טיר,
בעט איך אים, מיך מכבד זיין, מיט אגלעזאלע ווין, אדער ביר,
בכלל, דאס איז דער ערשטער פרינציפ ביי מיר...

עובד ע"י: צ. צביאלי

26.8.68

השיכור

לו היו לי מצלצלים כמה שלבי רוצה,
הייתי שותה לרויה, מן הטיפה המרה,
איש לא היה דומה לי -
כשיכור מן המנין, ושמח בחלקי.
אפילו לו לא היו לי מצלצלים,
אין לי דאגה יתרה,
בעל הפונדק יתן לי גם בהקפה,
והיה, אם לא ירצה לכבדני,
אפנה לאחר, אנא אחא, קנה כוסית גם למעני.
מטייל אני ברחובות עם צווארון זקוף,
ומקבץ לי נדבות,
עבור כוסית קטנה מחייה נפשות, קר לי - אני שותה,
נהיה לי חם - הנני שותה להתקרר מעט,
ואם הנני בריא - הנני שותה כמה שנכנס,
ואם חולה אני - שותה אני כדי להבריא.
אם מישהו מחבב אותי, שותה אני,
אם אף אחד לא מחבב אותי,
שותה אני, כי כך רוצה אני.
אם זקן אני, הנני שותה כי הנני בעל שיבה,
ובכלל - אין לי כבר ברירה!
ואם מלאך המוות דופק בדלתי,
הוא מתבקש קודם - לכבדני בכוסית,
כי זו דרכי, מאז ומתמיד.

תורגם ע"י: צ. צביאלי

אגאסט אויף שבת

פרייטיק צו נאכט, האט מיין טאטע געברענגט, מיט זיך אהיים,
אגאסט אויף שבת, האט אים די מאמע געפרעגט,
נו, ווער איז דער גאסט, אין פון וואנען קומט ער?
אין פארוואס האסטו אים געברענגט צו אינז, אז מיר אליין,
האבן ניט געניג, ווייסט דאס נישט?
נעם זיך ניט צום הארצן, האט דער טאטע גיענטפערט,
דאס וואס די פרעגסט, פון וואנען קומט ער, וייס איך גענוי,
פון רוסלאנד, אויב אזוי ועט ער אינז העלפן - הינגערן צוזאמען...
דאן האב איך זיך שטארק צולאכט,
אין דער גאסט איז געזעסן פארטראכט.
ביי דער שוואכער שיין פון די שבת לערט,
וואס זענן שוין גווען, כמעט אויפגעברענט.
אין מיין אלטער טאטע, וואס איז געזעסן ביים שפיץ טיש,
האט אים אוועק געגעבן, זיין פארציע פיש,
וואס האט אים זייער גיט געשמעקט, אגיטן אפעטיט!

עובד ע״י: צ. צביאלי

1.5.69

אורח לשבת

בליל שישי, הביא אבי הביתה, אורח לשבת.
שאלה אותו אמי, מי האורח, ומאין הוא בא?
ולמה הבאת אותו אלינו,
שגם לנו אין מה לאכול?
ענה אבי, אל תקחי ללב...
באשר למקום מוצאו, נודע לי שהוא בא מרוסיה,
ויעזור לנו בצוותא לרעוב...
פרצתי בצחוק עז,
האורח ישב שקוע במחשבות,
לאור נרות השבת, המרצדות וכלות...
ואבי הקשיש, שישב בראש השולחן,
הגיש לאורח מנת הדג שלו,
שאכל בתיאבון!

תורגם ע"י: צ. צביאלי

איין נאך - יום=כיפור - געבעט

איך בין טאקע נאר א ווערעמל,
טאטעניו, מיין גאט,
אבער א געטרייער שקלאף,
און דיין גרעסטער פאטריאט.

וואג איך דיר פארווארפן
און נעמען זיך די רעכט,
קריטיקירן, וויזוי דו טוסט,
בעהאנדלען דיינע - קנעכט.

כ׳מיין דעם אייביקן ייד,
וואס ווערט געיאגט אין געפלאגט,
און טוט געהארכזאם דאווענען,
דריי מאל א טאג.

וואס פינסטערט אפ זיינע יארן,
אויף דיין ליכטיגע וועלט,
ווען דער רשע מאכט א לעבן,
לאכט פון דיר און קוועלט.

נאך יום-כיפור פערשרייבסטו,
קאנדידאטן צום גן עדן!...
מוחל טובות, טאטע ליבער!
בעסער לאז מיך לעבן.

בעסער לאז מיך אליין,
דעם טאג, און די שעה, צו בעשליסן,
ווען די זאלסט מיך איינלאדן צו זיך,
פון יענע=וועלט צו געניסן.

און אויפן בית=עולם, וועט מיין פלאץ,
קיינער כאפן פאר דער צייט...
אויב יא...
זאל איהם וויל באקומען,
כ׳פערגין איהם דאס געזונטער הייט!

עובד ע״י: ר. אברשה

26.9.1969

משאלות למוצאי יום־כיפור

תולעת, אמנם אני בעיניך,
אלי הטוב והרחמן,
אך ממושמע אני מכל משרתיך,
ועבדך הנרצע והנאמן.

אעז אפוא, לטעון ולהאשים,
כי הקשית ידך על עם,
שבחרת מכל העמים,
וקשרת עמו ברית עולם.

על היהודי הנצחי מדובר,
המעונה, הנרדף בכל מקום.
שבקנאות את בריתך שמר,
ומתפלל שלוש פעמים ביום.

שחייו באפלולית חולפים,
על אדמתך מוצפת אורה,
עת רשעים זהב גורפים,
ולועגים לחוקי התורה.

במוצאי יום־כיפור, אתה מכין,
למועמדי גן־עדן הזמנות?
אז אנא, אלי, אותי אל תזמין!
כן, עדיף שתיתן לי לחיות.

ועוד... את הזכות ממך אבקש,
לקבוע את היום בעצמי,
מתי המלאך שבא עם חרמש,
יבוא לדרוש בשלומי.

ובהעדרי, הרי איש לא יחטוף,
בבית־הקברות את חלקי הפעוט.
אבל אם כן, אז לא אנזוף...
יבושם לו!... ושיהיה לו לבריאות!

תורגם ע״י: ר. אברשה

שווערע וואלקינס

ווי שווערע וואלקינס איבערן שווארצן ים,
נאך שווערער פון אים־איז דער אפגרינד דער טיפער,
אזוי זענען דיליידן פון מיינע פאריתומטע ברודער,
וואס טוען זיך מאטערן, אין זייער ווייטיג אין פיין.
ניט איינמאל האב איך געלאזט אטרער נאך מיין מאמען,
אין זי שטייט מיר שטענדיג פאר מיינע אויגן,
די קוואלן פון טרערן זענען נאך ניט אויפגעשעפט געווארן,
אפילו ווען איך בין מיט זיך אליין.
נאך דעם געוויין אין טרערן, ווערט עטוואס לייכטער,
ווי סקייקילט זיך אראב אשטיין פון הארצן,
אפשר דאך איז דא אהאפנונג -
אז סוועט נעמן אסוף, צו די ווייטיגן אין שמערצן,
אין אפשר וועט דער אויבערשטער זיך מרחם זיין,
אין סוועלן פערבייגיין די שווערע וואלקינס
אין אנייע פרייליכע שעה וועט ברענגן
אז מיר וועלן קענן לעבן, ווי גליקליכע מענשן.

עובד ע״י: צ. צביאלי

1969

עננים כבדים

כעננים כבדים מול הים השחור,
כבדים ממנו התהום העמוק,
כך גם סבל אחי המיותמים,
המתפתלים בכאבם — איך אפשר לשתוק?
לא אחת ידעתי דמעה על אמי,
והיא תמיד עומדת מול עיני,
ים הדמעות מטרידות את מנוחתי,
גם בהיותי־אני עם עצמי...
אחרי הבכי באה הקלה,
אולי תגולה אבן מהלב,
אחרי כל זאת, יש אולי תקוה,
שתבוא שמחה, במקום כאב,
ואולי גם השם ירחם,
ויחלופו פעם העננים השחורים,
ורוח חדשה תבוא אלינו,
ונזכה לחיות כאנשים מאושרים!

תורגם ע״י: צ. צביאלי

ווי נעמט מען דעם כח?

די ווילסט וויסן גיענוי, מיין ליבער פריינט,
וואס איך מאך, און ווי איך פיל זיך היינט?
אלזא, כפיל זיך גיט, און אז גאט וועט וועט געבן,
וועל איך אימער זיין געזינט, און אייביק לעבן,
און אויב די פרעגסט, צו דער מלאך המות בעשטייט?
ניין!... אבער ווי נעמט מען כח צו שטארבן,
נוי, און צייט?...
דעם פאריקן ווינטער, אשטורמישער אשרעק!
בין איך טאקע שיער פון דער וועלט ניט אוועק,
דער פראסט האט דאן געשניטן,
אז סהאט געציטערט די וועלט,
דא, ווי לייגט מען זיך און דער ערד אריין,
און אזא ביטערע קעלט?
האב איך טאקע אפגעלייגט און געווארט,
ביז דער זומער איז געקומען,
מיט פרישע גראזן, אווארימן רעגן,
און בליענדע פארביקע בלומן.
צום אונט צו, ווערט קיהל,
און ס'צינדן זיך אהן די שטערן...
ווען אזשאבע, אגריל, אדער אהונט,
לאזט און דער שטיל זיך הערן,
ווען אווינטאלע ברענגט פון די פעלדער,
א ריח פון היי אהארבן,
דאן ווער איך פארשיכערט,
נו, ווי נעמט מען דעם כח צי שטארבן!!

עובד ע"י: א. רוטפרב

20.1.1970

אין לי עוד כח

ידידי היקר! רצונך לדעת מה שלומי?
הנני מרגיש טוב, ואחיה עד עולם...
כי פשוט אין לי כח למות.
בחורף האחרון, כמעט הלכתי לעולמי,
אז בא אלינו כפור עז ופחד אלוהים התקיפני,
לכן דחיתי וחיכיתי עד לקיץ החם,
לימי הרעמים והברקים.
לעת ערביים כשהחום חולף,
והשמים עוטים בשלל צבעים,
אין לי חשק, ואין לי כח למות...

תורגם ע"י: צ. צביאלי



דאס איז מיין בילד

איך בין ניט הויך, און ניט קליין נידעריק,
פריער איך בין גווען באמת בלאנד,
און יעצט בין איך ווייס ווי שניי,
אויגן טינקל בלויע, און איבער זיי,
אשמאלע נאז, און אויגן גלעזער צוויי.
הענד האב איך צארטע, ריינע און קליינע,
חלומות האב איך זייער שיינע,
ווען מיינע חלומות זאלן ווערן וואר - אמתדיק,
לוינט זיך שוין צו לעבן, הינדערט און צוואנציג,
און איך ליב, אלע מיינע חברים און פריינד,
און אויך גיטע שארפע ביכער,
און מיין לעבן זאל זיין, אלע מאל זיכער.

עובד ע״י: א. רוטפרב

7.12.1970

והרי דיוקני

לא גבוה אני, ולא נמוך מדי,
ולזה יקרא בינוני כמובן.
ואם פעם הייתי בלונדיני, רבותי,
אז היום שערי לגמרי לבן.
כחול-כהה הוא צבע עיני,
והחטם צר, לא גדול,
עליו אני מרכיב את משקפי,
שדרכם אני בוהה ובוחן את הכל.
ענוגות וצרות הן ידי,
נקיות הן כפי, ולא גדולות,
רבות הן פעלו בחיי,
מבלי להגשים חלומות.
וחלומות אצלי רבים ויפים,
כטוב עלי הדמיון לבקרים.
לו ניתן אף מקצתם להגשים -
לא רע היה לחיות, עד מאה ועשרים.
ולהמשיך בקריאת ספרים מחכימים,
למען יגילו הגוף והרוח,
ויתבשמו באהבת משפחה וידידים...
אבל איפה,
איפה בעולם האיש שאורך-ימיו בטוח?

תורגם ע"י: ר. אברשה

אפאלשע גליק

ניט איינמאל קומט מיר אויס
צו טרעפן דא מענשן פון ישראל,
זיי זענען ווייט פון זיין גליקליך.
זיי טראכטן זיך אין הארץ, וואס פאר אנארישקייט,
וואס פאר אטעות האבן זיי געטוען!!
וואס אנשטאט ישראל, האבן זיי בעדארפט קומען.
אין דעם רייכן, ברייטהערציקען אמעריקא.
וואלטן זיי פון לאנג גוועזן מיליאנערן!
איז צום גרויסן מזל פי די יידן, האבן זיי איום־כיפור טאג,
וואס יעדער ייד ביים דאווענען:
אנא הושיעה נא, אנא הצליחה נא,
קען זיך אויסבעטן וואס ער וויל...
מיין עצה דעם ייד, וואס וויל אויסוויילן,
אגיטן וועג פאר זיין זיהן,
שיק אים נאר אין אמעריקא!
(אך אין וויי, צום פאלשן גליק)
דארט וועט ער גלייך טרעפן, פלאבלעמן פון שווארצע־ווייסע,
אשטילע, קאלטע אטמאספערע, אין אנטוישונג,
די גאסן זענען ליידיג אין פוסט, אמורא אשרעק אויף זיי...
אלע טירן זענען פארמאכט פאר אים, מיט זיבן גרויסע שלעסער...
אשרעק! ווי איז דער גרויסער גליק?
איך אליין בין דער אומגליקליכער מענש...

עובד ע״י: צ. צביאלי

1970

אושר מדומה

לא אחת מזדמן לי לפגוש אנשים שבאו מישראל,
והם רחוק מלהיות מאושרים...
הם חושבים בודאי בליבם,
איז מקח טעות עשו, איזה שטות,
לו היו באים לאמריקה העשירה הנדיבה,
במקום לישראל - היו מזמן מיליונרים!...
אז למזלם של היהודים, שנתברכו ביום כיפור,
בו מבקש כל יהודי מה שלבו חפץ
והיהודי ברום שיחו ותפילתו, מרים עיניו למרום,
אנא הושיעה נא! אנא הצליחה נא!
אם אתה רוצה באמת,
שבנך יבחור לו דרכו הישרה בחיים,
שלח אותו לאמריקה...
(אוי לאותו אושר ועושר מדומה)...
שם עד מהרה יפגוש, בעיות שחורים ולבנים,
ואווירה של שקט, קרירות, ואכזבה.
הרחובות ריקים ושוממים, פחד אלוהים עליהם...
כל הדלתות נעולות בפניו, בשבע מנעולים גדולים.
חורבן! (אי האושר הזה?)
אני הוא הלא מאושר הזה...

תורגם ע"י: צ. צביאלי

קאלירן

סטרעפט אמאל ווען פערמאכטעט די אויגן,
אין זעסט פילפארביקע קאלירן,
וואס האסט קיינמאל ניט גזען אין לעבן.
זיי מאכן אלעס טינקל, אין פארדעקן די פינטערניש,
ווי פון אאנדער וועלט, פון פאנטאזיע, אין טרוים,
אין זייער מעגליך, אז די פולפארביקע קאלירן,
טראגסטו און זיך אלע יארן,
אין זענן אויסגעמישט און דיין בליט,
פון דיין ערשטן טאג, אויף דער וועלט.
אין עמיצער האט זיי צוגעדעקט
אין ווען די עפנסט צוריק די אויגן,
ווערט אלעס פארשווינדן...

דער אפענער קראן

סטרעפט אמאל אז עמיץ האט, ווען ביינאכט,
דעם קראן אין קיך ניט פערמאכט.
אטראפן, אין נאך אטראפן,
רייסן אדורך די שטילקייט,
אין לאזן דיר ניט איינשלאפן.
אין סדאכט זיך אפילו
אז עמיצער ערגיץ ווי קרעכטס...
דאס אלעס טרעפט שטענדיג,
אין אשטילע דרואינדיקע נאכט,
די טראפנס פאלן, די געדאנקן לויפן,
אין פערטרייבן די שטילע שטומקייט ביינאכט.

עובד ע"י: צ. צביאלי

1970

שלל צבעים

לא אחת קורה שהנך עוצם עיניים,
ורואה שלל צבעים,
שלא ראית אף פעם בחיים.
הן מכסות על החושך, האפלה,
כאילו מעולם האשליה...
ויתכן מאד שאת שלל הצבעים,
הנך נושא בתוכך כל השנים,
ואף מעורבים בדמך מיום צאתך לאויר העולם
ומישהו אחר כיסה אותם,
ועם פקיחת העיניים, שוב
הכל הולך ונעלם...

18.9.1971

הברז המטפטף

קורה לפעמים שמישהו השאיר
ברז פתוח בלילה במטבח
טיפה ועוד טיפה — קורעת את הדממה.
ונדמה אפילו כאילו מישהו נאנח
ואתה — פשוט אינך יכול להרדם,
הכל קורה בלילה השקט והמאיים,
הטיפות מרעישות, המחשבות רצות
ומגרשות את השקט ההולם.



תורגם ע"י: צ. צביאלי

צו מיין חבר

האסטו אפשר געזעהן ווי מיין חברה האט
פארבלאנדשעט, דארט און די געסאלעך
הינטער דער ווייטער שטאט?
דארט ווי די הייזאלעך שטייען געבויגן.
עס קוקן די ביימער פערחלומט צו גאט
אויב די ביזט שוין דארט, ווען אמאל גוועו,
דאן האסטו געוויס מיין חברה גזיען.
די האסט בעדארפט די דערקענן און אירע אויגן,
די הימלישע אויגן, וואס קוקן צי גאט.
דארפסט איר דערקענן גלייך אין איר פנים,
וועלכע איז שטענדיג פארזארגט אין פארקלויגט,
אין אויב די קענסט שוין איר -
בעיט איך יעצט ביי דיר,
גיב איר אב אגרוס פון מיר.
עס פאלט צי דער אוונט, עס ציען זיך שאטנס,
זיי בר׳ענגען צו פירן די בענקענדיקע נאכט,
יעצט חבר מיינער, אויב די ווייזט דעם וועיג שוין,
טו ווייז מיר אים,
וועל איך אפשר זי געפינען.

עובד ע״י: צ. צביאלי

